STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02175

SEFER SIPURE BESHT

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-02175-X

9780657021757T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

ספר

סיפורי בעש״ט

דא אין דיזען ספר ווערט בעשריבען

וויגדערליכע זאכען פון היילינען

בעל שם טוב

בהוצאות בית מסחר הספרים של ר׳ אברהם יוסף קליימאן

ווארשא נאלעווקי 41.

פיעטרקוב

בדפוס של ר׳ חנוך העניך במוה״ר ישעי׳ וואלף נ״י פאלמאן

שנת תרע״א לפ״ק

PRINTED in POLAND.
Druk. Sikora i Mylner. Warszawa, Nowolipki 6.

שבחי בעש"ט

איין מורא'דיגע אונד איין גרויסוואונדערליכע מעשה פון הייליגען רבינו ישראל בעש"ט זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

אזוי ווי עס איז באוואוסט אלע יודין פון גרויס ביז קליין, אז דאס איז איין מצוה און אגוזעץ דאס דעם הייליגען שבת בדארף מען מכבד זיין, און עסין אזא מאכל וואס מען איז ניט געוואנט צו עסין אין דער וואכען. אין עס זאל האבען אנאנדרען טעם מיט אנאנדרען ריח ווי די וואכדיגע מאכלים, מיר רופען דעם מאכל (קוגעל) ווייל דאס איז געמאכט קיילעכדיג דאס ווארט „עוגל" בדייט אויף לשון הקודש קיילעכדיג אזוי האט זיך גיפירט אונזער הייליגער) בעל **שם טוב** זכר צדיק לברכה ראש חודש אויך אויסער מ'האט איהם געמאכט אזא משונה'דיג מאכל יעדערין שבת, האט מען גימאכט אויך אלע ראש חודש אזא משונה'דיג מאכל וואס מען מאכט ניט א וואכדיגען טאג, אין שולחן ערוך (אורח חיים סימן ת"ט) שטייט אויך אז מען זאל מוסיף זיין דעם טאג וואס פאלט ראש חודש נאך א מאכל לכבוד ראש חודש. אבער ביים בעל שם טוב האט מען אבער דעמאלס גימאכט אמשונה'דיג מאכל אזוי ווי מען מאכט שבת ביי אלע יודין אזוי ווי מיר האבען אויבען געשריבען.

ויהי עס איז גיוועזן איין טאג וואס דעמאלס איז גיוועזן ביי איהם פיהל רבנים צדיקים די גרויסע תלמידים זיינע, האט דער בעל שם טוב גיזאגט צו זיין משמש גייא און זאג די רביצין זי זאל מיר מאכען היינט דאס זעלבע מאכל וואס זי מאכט מיר שטענדיג אין ראש חודש ועל איך מיט מיינע תלמידים עסין סעודת ראש חודש צוזאמען פאר דעם אייבערשטין יתברך, דעם משמש איז דאס גיוועזן א גרויס וואונדער ווארין עס איז גיוועזן א וואכדיגער טאג ניט קיין ראש חודש, נאר אז דער בעש"ט האט געהייסען האט ער גימוזט אזוי טוהן. דעם הייליגען בעל שם טוב'ס דרך איז גיוועזן אין יעדע צייט וואס האט אויף איהם גירוהט דער רוח הקודש פון גאט. און זיין נשמה איז אויף געגאנגען אין די הויכע הימלען און זי איז גיווארין בייהעפט אין די שכינה הקדושה האט ער דעמאלס גיפועלט אלעס וואס ער האט גיבעטין טובות פאר דעם כלל ישראל אבער מתקן צו זיין נשמות וואס זיי לאדען פאר זייער עונות האט ער דעמאלס אלעס מתקן גיוועזן אין גיברענגט זיי אין ארדענונג, פלעגט זיין זיין דרך ער האט דעם הייליגען קאפ זיינעם ארונטער גיבויגען אונטער זיך ביז כמעט נעבען די ערד.

די אויגען זיינע זענען געוועזען אָפען און עס האָט זיך גיגאָסען קוואַלען טרערען פֿון זיי אָן אויפֿהער און אַזוי איז איצט אויך גיוועזען, אַזוי ווי ער מיט זיינע תלמידים האָבען זיך גיוואַשען נטילת ידים צו די סעודה און האָבען גימאַכט המוציא און גיגעסין אַכזית, האָט ער באַלד אַרונטער נעבויגען זיין הייליגען קאָפּ און האָט אויס גיזעהן אין גאַנצען ניט ווי קיין לעבדיגער מענטש, דאָס גאַנצע חיות איז פֿון איהם גיוואָרען אָפּ גיטאָהן אַז אַלע תלמידים די רבנים זענען שטאַרק דערשראָקען גיוואָרין און זענען גיזעסין אין גרויס פחד זיי האָבען ניט גיוויסט וואָס עס איז דאָ פלוצלינג גיוואָרען, פֿאַר גרויס שרעק זענען זיי גיזעסין שטיל און זיי האָבען מיט קיין אבר ניט גירירט אַ לאַנגע צייט, ביז דער הייליגער בעל שם טוב איז צוריק געקומען צו זיך און האָט אויסגיזעהן צוריק אַזוי ווי אַלעבדיגער מענטש דעמאָלם האָט זיך דער בעל שם טוב אָן גערופֿען צו די הייליגע תלמידים בייגט צו אייערע אויערען און הערט וואָס איך וועל אייך פֿאַר ציילען אַ מורא׳דיגע מעשה וואָס איך האָב איצט גיהאַט פֿאַר מיר, וועט עטץ וויסען די ווינדערליכע זאַכען פֿון גאָט ברוך הוא, און איהר וועט היטען אייער נפשות מיט די נשמות זיי זאָלען חלילה ניט אַריין פֿאַלען אין די האַנד אַריין פֿון דעם יצר הרע וואָס ער רעד אָהן דעם מענטש צוזינדיגען כדי ער זאָל איהם קענען אוועקשטויסען פֿון גאָט ברוך הוא.

ווייסען זאָלט איהר ווייסען אַז יעדעס מאָל ווי עס גייט אַדורך פונפציג יאָהר קלויבט אויס די פמליא של מעלה איינאויס דערוויילטען יוד אַגרויסען גאון און אַגרויסער קדוש אַז ער זאָל ווערין אָן גערופֿען דער „צדיק יסוד עולם״ דאָס הייסט אַז ער איז דער גרעסטער צדיק פֿון די וועלט און ער איז דער פֿונדאַמענט וואָס אין זיין זכות שטייט די וועלט, און אַלע מענטשען און אַלע בהמות חיות און כל מיני זאַכען וואָס געפֿינט זיך נאָר אויף די גאַנצע וועלט ווערט אַלעס גע־שפייזט אין זיין זכות, און אַז אפילו חלילה די מענשטען זאָלען פֿאַר־דאַרבען זייער מעשים און זיי וועלען טוהען שלעכטע מעשים וואָס דערפֿאַר קומט אַז די וועלט זאָל אונטער גיין, פֿון דעסט וועגען בלייבט זי שטעהען אין זכות פֿון דעם „צדיק יסוד עולם״ אַזוי ווי די גמרא זאָגט אין (חגיגה י״ב ע״ב) „על עמוד אחד הארץ עומדת וצדיק שמו שנאמר וצדיק יסוד עולם״ דאָס הייסט אַז די וועלט שטייט אויף איין זייל און דער זייל הייסט „צדיק״ וואָרום עס שטייט אין פסוק „וצדיק יסוד עולם״ דער צדיק איז דערפֿונדאַמענט פֿון דיא וועלט, אין אַזוי וויא מען ווילט אויס אין הימעל דעם צדיק יסוד עולם אַזוי ניט מען איהם איבער אַלע אמת׳ע פשטים אין תורה סיי בנגלה אין סיי בנסתר אַז די גאַנצע פמליא של מעלה לערינט ניט קיין אַנדערי פשטים אין די תורה סיי אין חומש אין גמרא אין מדרש אין זוהר הקדוש נאָר אַזוי ווי דער צדיק לערינט, אפילו עס געפֿינט זיך אַנדערי גאונים וצדיקים וואָס זאָגען אַנדערע פשטים מעג זיין בעסערע פֿון זיינע, דאָך

לערינט

לערינט מען אין הימעל נאָר זייגע און מען איז ניט משנה קיין איין אות און קיין איין נקודה, ווייל זיי אליין אין הימעל האָבען איהם אויסערוויילט פֿאַר איין „צדיק יסוד עולם" און איבערגיגעבען איהם תורת אמת אין זיין מויל אַריין אַז ער זאָל זיין דער „רבי" סיי אויבען אין סיי אונטען.

אין דאָ איז אַ מעשה מיט דרייהונדערט יאָהר צוריק וואָס די פמליא של מעלה, האָבען אויסערוויילט איין מענטש וואָס האָט גיוואָנט אין עק שטאָדט ווייט פֿון מענטשין פֿון די שטאָדט נעבען אַגעדעכטען וואַלד פֿיהל מיט בוימער דיקע אונד געדעכטע, דאָס הייזעל וואָס ער האָט גיוואוינט איז גיוועזן אַ נידריגס מיט קליינע פֿענסטערלעך נעבען די ערד, די ווענד מיט די פֿענסטער אינוועניג זענען גיוועזן זייער שוואַרץ ווייל מען האָט זיי קיין מאָל ניט גימאַלוועט אין ווען מען האָט גיהייצט איז דער רויך אַרויף אויף זיי ביז מען האָט זיי ניט דערקענט פֿון אַ וואָסער מאַטריאַל זיי זענען גימאַכט, אויך קיין ווערט־שאַפט איז גאָר ניט גיוועזן דאָרט נאָהר ער איז גיזעסין שטענדיג אויף די ערד, אין האָט געהאַלטען אַ ספר אויף די קניא אַ ערדען לייכטער׳ל מיט אַ קליין לעכטעל דאָס איז געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט וואָס ער האָט דערביי גילערנט מיט גרויס התמדה, אין זיין פרנסה איז גיוועזן וואָס דאָס ווייב זיינס פֿלעגט גיין אין וואַלד אַריין אויף קלויבען שטיקלעך האָלץ מאַכען בינטלעך אין שטאָדט אַריין צו פֿאַרקויפֿען, אין פֿאַרדעם האָט זי איין געקויפֿט ברויט אין גיברענגט אַהיים פֿאַר איהר הייליגער מאַן אין די קינדער אין מעהר האָבען זיי ניט גיהאַט וואָס צועסען נאָר ברויט מיט וואַסער, איהם האָט דאָס אַלעס גאָר ניט גיהאַרט אין עס האָט איהם ניט גישטערט אפילו איין רגע פֿון זיין הייליגע עבודה אין תורה ותפלה, אין דערום איז ער גיוואָרען דער גרעסטער גאון פֿון די וועלט אויך אין ער קדושה איז ניט גיוועזן זיינגלייכענס אין די וועלט, און ער האָט האַט אַסאַך ספרים פֿון ירושה וואָס ער האָט געיירשנט פֿון די עלטערען, דאָס האָט איהם אויך צוגיהאָלפֿען ער זאָל ווערין אַזאַ גרויסער גאון וקדוש דער גרעסטער פֿון דור ווייל ער האָט זיי אַלע אַדורך גילערינט אַסאַך מאָל אָן שיעור, נאָך אַ הייליגע זאַך האָט דער מענטש גיטאָהן, ער האָט זיך אויסערוויילט איין טאָג אין יאָהר וואָס יעדעס יאָהר אַז עס איז געקומען דער טאָג פֿלעגט ער אַרויס גיין פֿון שטוב טיעף אין וואַלד אַריין אַזוי ווייט אַז זיינע שטוב מענטשין זאָלען איהם אויך ניט געפֿינען, אין דאָרט האָט ער זיך גימאַכט אַ חשבון אין האָט ביי רעכענט וואָס ער האָט אָב געטאָהן אַגאַנץ יאָהר אין וואָס פֿאַר איין תועלת עס איז איהם אַרויס געקומען אין יודישקייט אין וואָס פֿאַר אַ פשטים אין די תורה הקדושה האָט ער אויפגעטוהן איבערדעם יאָהר מער ווי אין פֿאָהריגען יאָהר, וואָרען אויף דעם איז געבאָטען געוואָרען יעדער יוד ער זאָל וואָס אַמאָל מער זיך גרייסען אין תורה אין מצות אין גוטע מעשים אין באַלד דער יוד טוט ניט

אזוי

אזוי, ווערט ער חלילה געשטראפט מיט אגרויסען עונש, אזוי ווי עס שטייט אין מסכת אבות (פרק א' משנה י"ג) „ודלא מוסיף יסיף" דאס הייסט דער וואס מערט זיך ניט אין תורה ומצות אלע מאל מעהר, ווערט ער חס ושלום איינגעטוהן און פארלוירען פון די וועלט, און באלד דער מענטש האט עפים געפונען אפעלער אין זיינע מעשים פון דעם יאהר האט ער זיך שטארק צוויינט פאר דעם רבונו של עולם ער האט זיך געקלאפט אין קאפ אין די האר פון זיך געריסען אין האט גע= פאסט תעניתים אין וואס ער האט גיגעסען האט ער אריין געטאהן ביטערע זאכען, ער האט זיך אזוי פיל מצער געוועזן ביז מען וואלט געמעגט זיך אליינט הארגענען וואלט ער זיך גיוועזן געהארגעט. ער האט געהאט אזוי פיעל חרטה וואס מען קען גאר ניט ערקלערען און קיין פענע קען גארניט אזוי פיהל ארויסשרייבען. ער האט אליץ געמיינט עס איז נאך גאר קיין תשובה ניט, נאר ער האט געבעטען דעם רבונו של עולם ער זאל איהם מוחל זיין. ער וועט שוין נאך אמאל אזוי ניט טוהען, דערנאך האט ער זיך גישטארקט צוריק אזוי ווי איין לייב צו תורה ומצות און געדינט דעם רבונו של עולם מיט די לעצטע כחות, אזוי האט ער געטאהן אלע יאהר, און אז ער האט ביי רעכענט אז ער האט גימערט אין תורה ומצות דאמאלס האט ער געמאכט יום=טוב און האט געהאט גרויס תענוג פון דעם צו זיין שמחה איז קיין שיעור ניט גיוועזן, ער האט געדאנקט דעם רבונו של עולם פארדעם חסד וצדקה וואס ער האט מיט איהם געטאהן וואס האט איהם געגעבען כח אזוי פיהל צו דאווענען און לערנען, עס איז אזוי אדורך געגאנגען אסאך יאהרען מיט צייטען ביז דער מענטש איז געווארין געהייליגט אזוי ווי די מלאכים פון הימעל און איז גיווארען דער גרעסטער אין תורה נגלה אין תורה נסתר ביז קיין גרעסערער פון איהם איז שוין ניט געוועזן אין קיין שום זאך, דאמאלס האבען אויף איהם געקוקט די „פמליא של מעלה" אין האבען איהם אויסערוויילט אז ער זאל זיין דער „צדיק יסוד עולם" אז די גאנצע וועלט אין וואס עס געפינט זיך אין איהר זאל אליץ שטיין אויף איהם אין אלע זאלען ווערען געשפייזט אין זיין זכות כל זמן ער וועט לעבען.

ויהי עס איז גיוועזן ווי די „פמליא של מעלה" האבען אן געהויבען רעדען פון איהם און דערצעהלען זיינע שבחים פון זיין גרויס צדקות. איז געקומען דער שטן אויך אין מיט אריין אזוי ווי זיין שטייגער איז, און ווי ער האט נאר גיהערט אז זיי געהען איהם מאכען פאר דעם „צדיק יסוד עולם" און ער וועט ווערען ביי זיי אב געהיטען אזוי ווי דאס אפיל פון אויג האט דאס איהם זייער פארדראסען אין איז אויף געשטאנען צו זיין איהם אגרויסער כנגד אזוי ווי זיין שטייגער איז אין האט זיך אבגערופען צו די גאנצע „פמליא של מעלה" הערט אויס מיינע רייד ווי איז דאס אייך געפעלען צומאכען אזא מענטש פארדעם „צדיק יסוד עולם" דער מענטש איז דאך קיין מאל ניט געוועזן צו זאמען

מיט

מיט מענטשען ער האט דאך קיין מאל ניט געהאנדעלט וואס וועט עטיך טאהן אז ס'וועט זיך אין איהם מאכען א ענדערונג, און וועט אן הויבען צוהאנדלען ער וועט ארוין קומען צווישען סוחרים און וועט אוועקליינען דאס גאנצע לעבען אזוי ווי אלע הענדלערס, דאמאלס מוז חלילה די גאנצע וועלט אונטערגיין ווארום זי וועט דאך ניט האבען שוין אויף וואס צו שטיין, איהר פרובט מיר איהם איבערגעבען וועט איהר קענען וויסען אויף געוויס וואס ער איז צו ער איז ווערט צו זיין דער „צדיק יסוד עולם" צו נישט, האבען זיך אנגערופען די „פמליא של מעלה" מיר גיבען איהם איבער צו דיר אין דערהאנד און פרוב איהם אויס צו ער וועט בייאשטעהן אין זיין צדקות צו ניט נאהר פארזאהם ניט ווארום מיר ביידארפין דאס באלד דערגעהן.

דער שטן איז באלד אוועקגעגאנגען פון זייא און האט זיך פאר־שטעלט אזוי ווי איין אלטער גראזגראהער מאן אנגיטאהן ווי איין צדיק, און האט אנגעהויבען גיין צו דעם מענטש, ווי ער איז געקומען פאר זיין טהיר און האט געוואלט ארוין גיין האט ער ניט גיקענט, ווארום די שטוב איז גיוועזען פיהל מיט קדושה וטהרה, און ער איז דאך פיל טומאה מיט פאלשקייט, אין ווי אזוי קען די טומאה ארויין קומען צו די קדושה, האט ער אנגעהויבען טראכטען מחשבות מיט עצות וואס צו טהון און ווי אזוי ער זאל עפים האבען איין ארט אריינגיין מיט איהם אין טענות, ער האט געזוכט אין האט געפונען, ווארום אין דעם שטעדטעל אביסעל וויט פון דעם מענטש האט גיוואוינט איין אגרויסער ארימאן וואס האט גיהאט אסאך קינדער אין דאס ווייב איז נאך געוועזען דערצו מעוברת אויך, ער האט ניט פאר מאגט קיין שום ווערטשאפט און קיין מלבושים, נאר אביסעל שטרויא איז געלעגען אויף די פאדלאגע וואס דארט זענען געשלאפען דאס גאנצע הויזגעזונד ווען זיי האבען געענדיגט זייער שווערע ארבייט וואס האבען אגאנצען טאג גיגראבען זאמד און געטראגען פון שטוב צו שטוב פאר די בעלי בתים זאלען האבען צו ביישיטען די פאדלאגעס, זייער פארדינסט איז גיוועזען זייער קליין זייא האבען ניהאט נאר אויסצוקומען אויף ברויט מיט וואסער, און אז עס געקומען אז דאס ווייב איז געגאנגען צום קינד האט ער קיין מאל ניט גערופען קיין היייוען אבער אדאקטער ווארום ער האט ניט געהאט פון וואנעט צו בייצאלען. נאר זי האט זיך געבעך געוואלגערט אויף דער ערד אין איהר ווייטאג און ער איז געזעסען אנטקייגען איהר אין געזאגט „תהלים" מיט אצובראכען הארץ און קוואלען טרערען זענען גערונען פון זיינע אויגען, ביז דער רבונו של עולם האט צוגעזעהן אין צער פון ביידע און האט זיי געשיקט זיין הילף דאס קינד איז ארויס אויף די וועלט אין אזוי איז שטענדיג געוועזען.

איצט ווי דער שטן איז אהין געקומען איז זיא אויך געגאנגען צום קינד, און דער מאן האט ווייטער געטאהן זיינס געזאגט תהלים

עס

עס האָט אָבער ניט געהאָלפֿען בײַ קײַן אופֿן, וואָרום דער שטן איז געשטאַנען בײַ איהר און האָט ניט צוגעלאָזט דאָס קינד אַרויס גײַן עס האָט אַזוי אָוועקגעדוירט דרײַ טאָג, עס איז געקומען דער דריטער טאָג האָבען אַלע געזעהן אַז עס איז שלעכט די גיווינערען האָט שוין פֿאַרלוירען גיהאַט דעם גאַנצען כח האָבען זײַ אָנגעהויבען צושרײַען און צוויינען מיט אַ ביטער יאָמערליכער קול ביז האַלבע נאַכט אין די פֿינסטערניש, פלוצלינג האָט די געווינערען אָנגעהויבען צו שרײַען מיט אַ שטאַרק ביטער קול אַז דאָס קינד הייבט אָן אַרויס צו גײַן, דאַרום בעט זיא מען זאָל זיך אויף איהר ערבאַרמען און ברענגען אַלעכטיל עס זאָל חאָטש זײַן עפּיס ליכטיג אין די שטוב אַרום און אַרום, זײַ האָבען אָבער ניט געפֿונען מען איז אומעדום געשלאָפֿען אַלע טויערען זענען געווען צוגישלאָסען, נאָר פֿון דעם צדיק׳ס הויז האָט זיך גע־וויזען פֿון די ווײַטענס עפּיס ליכטיגקײַט, דער מאַן איז באַלד געלאָפֿען אַהין און האָט זיך גינעבען אַרײַסאַרײַן אין די שטוב און אַחאַפּ גע־טהון דאָס לעכטיל און אַנטלאָפֿען, ווי ער איז געווען אין מיטען וועג איז ער געבליבען שטײַן צומישט וואָס ער האָט גיטאָהן, זײַן ווײַב איז דאָך אַזוי שווער צום קינד געגאַנגען ווער ווייסט צו זי וועט קענען אויס־האַלטען און לעבען, און דאָ האָט ער געטראָפֿען דעם מענש זיצען און לערנען אין די צײַט ווען אַלע שלאָפֿען, איז ער דאָך געוויס פֿון די פֿאַרבאָרגענע ל״ו צדיקים הײַנט פֿאַרוואָס האָט ער ניט געבעטען פֿון איהם ער זאָל איהם בענטשין אַז דאָס ווײַב מיט דעם קינד זאָלען האָבען אַ רפואה, ער האָט דאָך גיהערט פֿון אַסאַך מענטשען תלמידי חכמים אַז די גמרא זאָגט אין (בבא בתרא) „מי שיש לו חולה בתוך ביתו ילך אצל חכם ויבקש עליו רחמים״ דאָס הייסט אַז עס איז חלילה ווער שלאָף בײַ איינעם אין שטוב, זאָל ער גײַן צו דעם חכם וואָס ער זיצט שטענדיג און לערינט און דאַווענט וועט ער מתפלל זײַן פֿאַר זײַנעטוועגען ער זאָל ווערען געזונד. און דאַרום האָט ער זיך צוריק אויסגעדרייט און געלאָפֿען צו דעם צדיקן ער זאָל איהם בענטשען מיט אַ רפואה, ווי ער איז געקומען און האָט איהם אָנגע־הויבען בעטען אַרפואה, איז דער צדיק געבליבען שטײַן פֿאַרווינדערט און האָט צו איהם געזאָגט צו ביזט דו משוגע וואָס דו ביזט געקומען בעטען בײַ מיר, איך בין דאָך דער אייגענער פּראָסטער יוד ווי די איך קען גאָר ניט לערנען, נאָר די נאַכט האָב איך עפּיס ניט גיקענט שלאָפֿען און גלאַט ליגען אין די פֿינסטער איז אויך ניט גוט האָב איך מיך אויף גיהויבען און געקוקט אין אַ ספר אָבער וואָס דאָ שטייט ווייס איך ניט גלייך מיט דיר, האָט זיך אָבגערופֿען דער מאַן פֿאַר וואָס אַז איך קען אַמאָל ניט שלאָפֿען נעם איך ניט קײַן ספר אַרײַנ־צוקוקען און קײַן אַנדערער פּראָסטער מענטש האָב איך אויך ניט גיזעהן אַז ער זאָל דאָס טאָהן נאָר דיך אַליין איבער־דעם ווייס איך געוויס אַז דו ביסט איין הייליגער מענש נאָר דו ביזט אַגרויסער

עגיז

עניו אַפאַרבאָרגענער צדיק, דו ווילסט ניט אַז מענטשען זאָלען וויסען דײַן גרויסקײַט, דאַרום זאָלסטו וויסען אַז איך וועל דיר נישט אָבלאָזען ביז די וועסט מיך בענטשען, דער צדיק האָט דערהערט די ווערטער האָט איהם אָן געחאַפּט אַ ציטערניש, ער האָט זײַער מורא געקריגען אפשר איז דאָס איין עצה פון יצר הרע וואָס ער לאָקערט אויף איהם און וויל איהם אַוועקשטויסען פון בײדע וועלטען אויף אײביג (אַזוי ווי דער אמת איז טאַקע געוועזען אַזוי ווי מיר וועלין ווײַטער פאַרצײלען) דאַרום האָט ער שטיל געשוויגען און האָט גאָר ניט גיוואָלט ענטפערען אויף דעם ווי דער מאַן האָט דאָס גיזעהן האָט ער זיך אָנגערופען צו איהם אויב עס איז אמת אַז די ווײַסט גאָר ניט אין דעם ספר וואָס טויג עס דיר גיב עס מיר דאָס אַוועק, און אַזוי ווי ער האָט די ווערטער גירעט האָט ער איהם באַלד דאָס ספר אַרויס געחאַפּט און האָט געזאָגט אַצונד וועל איך זעהן צו די זאָגסט אמת צו ניט. דער צדיק האָט גיוואָלט צוריק נעמען נאָר דער מאַן איז אָבער שטאַרקער גיוועזען פאַר איהם, דאָ האָט שוין דער צדיק ניט גיוויסט וואָס פאַר איין עצה מען גיט זיך, ער האָט בערעכענט דער חטא פון מבטל זײַן דאָס לערנען איז דאָך זײַער גרויס, און דער מאַן וויל ניט אָפּטרעטען און איז איהם מבטל פון לערנען ווער ווײסט ווי לאַנג ער וועט נאָך דאָ שטײן, דאַרום האָט ער ניט געפינען קײן עצה זיך צו פטרען פון איהם, ביז ער האָט איהם גיבענטש וויפיל ער האָט אַלײן פאַרלאַנגט, און דאַמאָלס איז ערשט דער מאַן געגאַנגען אַהײם און דער צדיק האָט זיך צוריק גענומען צום לערנען

ווי דער צדיק האָט אַרויס געזאָגט די ברכה דעם מאַן האָט דער שטן געמאַכט אַז אין די זעלבע רגע איז דאָס קינד אין גאַנצען געבוירען גיוואָרין און דער מאַן האָט דאָס גיזעהן אַז דעם צדיק'ס ווערטער בײַגליקען, איז ער צומאָרגענס אַרויס אויף די שטאָדט און האָט געמאַכט אַגעוואַלד (מיט דעם שטן'ס עצה) און האָט געשריגען ברודער הערט אוים מײַנע רײד מיר מאַכען זיך גאָר ניט וויסענדיג אַז דאָ אין עק שטעדטעל זיצט אַזאַ צדיק וואָס זײַן גלײַכען געפונט זיך גאָר ניט אויף די וועלט פאַר וואָס זאָלען מיר ניט גײן צו איהם אַז עס טרעפט זיך חלילה אַ צרה צו אײנעם ער האָט דאָך בײַ מיר די נאַכט אַזאַ נס בײַוויזען, דאַרום הערט צו מיר צו לאָמער אַלע גײן צו איהם און ער זאָל ווערען אונזער רבי זאָל אונז לערנען וויאַ אַזוי צודינען דעם רבונו של עולם און זאָל פאַר אונז שטענדיג מתפלל זײַן אַז עס זאָל אונז גאָרניט פעלען, אָבער די ווערטער האָבען קײן שום נוץ גיבראַנגט וואָרום די שטאָדט לײַט האָבען דערפון גאָר ניט געמאַכט זײַ האָבען געזאָגט אַז עס האָט זיך פונקט אַזוי געטראָפען אָבער ער איז אַפּראָסטער מענש גלײַך מיט אַלע דאַרום האָט דערווײַל דער שטן" ניט מצליח געווען מיט זײַנע מעשים.

ויהי

ויהי אַז דער „שטן״ האָט גיזעהן אַז ער האָט נאָך גאָר ניט געווירקט אין די הערצער פֿון די שטאָדט מענטשען אַז זיי זאָלען גיין צו איהם שטענדיג נעמען ביי איהם ברכות און ער זאָל קיין צייט ניט האָבען צו לערנען און דאַוונען האָט ער זיך מיישב געווען און נאָך אַמאָל געמאַכט דאָס זעלבע ביי אַ אַנדערען מענש דאָס ווייב איז געגאַנגען זייער שווער און לאַנג צום קינד · דער מאַן האָט זיך דערמאַנט וואָס יענער מאַן האָט איהם פֿאַרציילט אַז זיין ווייב איז געהאָלפֿען געוואָרען ביי דעם צדיק, ער האָט אפילו ניט געגלייבט אין דעם נאָר אַז אויב איין מענטש טרענקט אין וואַסער חאַפּט ער זיך אָן אפילו אין די שאַרף פֿון איין שווערד און קוקט דאַמאָלס ניט אויף זיין שכל, נאָר וואָס מענטשען זאָגען דאָס טוהט ער, ער קלערט גאָר ניט אַריין אין די זאַך אַריין, דאַרום איז ער אויך געשווינד געלאָפֿען צו דעם „צדיק״ און האָט געטוהן דאָס זעלבע וואָס דער ערשטער מאַן האָט גיטוהן ער האָט ניט געוואָלט אָפּטרעטען און האָט איהם דאָס ספר צו געחאַפּט ביז ער האָט גיבענשט און עס איז אַזוי גיוועזען זיין ווייב איז באַלד געהאָלפֿען געוואָרען, עס איז געקומען אין דערפֿריה האָט ער אויך גיטאָהן אַזוי ווי דער ערשטער מאַן און איז אַרוים געגאַנגען אין די גאַס אַריין און האָט אָנגעהויבען צו שרייען מיט אַגרויס געשריי פֿאַר וואָס מען מאַכט דעם „צדיק״ נישט פֿאַר איין רבי׳ן אַז יעדער מענש זאָל גיין צו איהם און האָט פֿאַרציילט דעם מופת וואָס ער האָט אויך גיהאַט ביי איהם, עס האָט אָבער ווייטער ניט גיפּועלט וואָרום די שטאָדט מענטשען האָבען פֿון דעם גאָר קיין עסק ניט געמאַכט אדרבא זיי האָבען געזאָגט עס פֿעלט שוטים און נערנים אויף די וועלט וואָס זיי גלייבען אין אַלע נאַרישקייטען וואָס זייא קלערין אוים פֿון זייער האַרץ? און וואָס זיי דאַכט זיך אין דמיון מאַכען זייא באַלד פֿון דעם אַגאַנץ עסק, און דער „שטן״ האָט ווייטער ניט מצליח געווען ·

און ווי דער שטן האָט געזעהן אַז אַל׳ץ וואָס ער טוהט גראָט איהם ניט און עס באַגליקט איהם ניט, האָט ער זיך מיישב געווען ער וועט ניט אָפּשטיין פֿון דעם עסק, און האָט צום דריטען מאָל געמאַכט דאָס זעלבע ביי איין גרויסען אָרימאַן, דאָס ווייב האָט זיך גערדרייעט אין גרויסע יסורים רחמנא ליצלן ביי האָבען אַ קינד וויפֿיל טעג, אַלע האָבען שוין מיאש געווען איהר לעבען אויך דאָס קינד האָט מען שוין מיאש גיווען, נאָר מען האָט געזאָגט תהלים און געבעטען רחמים ביי דעם רבונו של עולם ער זאָל טאָהן אַנס נישט על פי דרך הטבע, אָבער ער זאָל איהר צונעמען שוין פֿון דיא וועלט כדי זי זאָל שוין פּטור ווערען פֿון די גרויסע יסורים, וואָרען עס איז שוין בעסער צו שטאַרבען איידער אַזא לעבען, דערווייל האָט זיך איהר מאַן דערמאַנט פֿון דעם „צדיק״ און איז באַלד אַהין געלאָפֿען מיט אַביטער געוויין ביז דער צדיק איז זייער דערשראָקען געוואָרען עס איז איהם שיעור

די נשמה אַרוים, האָט ער שוין זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָט איהם געזאָגט גייא אַהיים מיין קינד האָב נאָר קיין מורא ניט אין די רגע וועט זי געהאָלפען ווערען מיט אַ געזונד קינד, עס איז אַזוי געווען אין די רגע איז דאָס קינד אַרוים געזונד און פריש אַזוי ווי איין איי פאַלט אַרוים פון אַ פויגעל וואָס פליהט אין די לופטען דער מענטש האָט דאָס באַלד פאַרציילט פאַר אַלע שטאָדט לייט, דעמאָלם האָבען זיך אַלע שוין אָן געהויבען זיך צו פאַרוואונדרען און זיי האָבען געזאָגט מיר זעהן דאָך שוין דריימאָל די זאַך, איז דאָך שוין אַ חזקה אַז ער איז איין הייליגער אַזוי ווי אַ מלאך אלקים, ער איז דערעכטער „צדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים” דער צדיק וואָס ער זאָגט אַרוים בײַשטעטיגט דער אייבערשטער, און ביי איהם איז מקוים דער פסוק „ככל היוצא מפיו יעשה” אַלעס וואָס גייט אַרוים פון זיין הייליג מויל ווערט אַזוי געטהון, דאַרום האָט שוין אָנגעהויבען אַלע שטאָדט לייט צו גיין צו איהם בעטען ברכות און עצות פון אַלע פאַרשידענע געשעפטען וואָס עס געפונט זיך ביי מענשען, ביי דעם צדיק האָט דאָס אוים געזעהן נאַרישקייטען, וואָרום ער איז גאָרנישט געוואָהנט געווען מיט דיא שטותים והבלים פון די וועלט־זאַכען, און האָט אָנגעהויבען אַרוים צוטרייבען די מענשען פון זיין שטוב, ס'האָט אָבער נישט געהאָלפען וואָרום דער „שטן” האָט זיך אַריינגעקריגען אין זייערע הערצער אַריין און האָט זיי אַריין געגעבען כח זיי זאָלען זיך אַנטקעגען שטעלען דעם צדיק און ניט אַרויסגיין פון איהם ביז ער האָט געמוזט יעדען ענטפערען אויף זיינע פראַגען, דער סוף איז געווען זיי האָבען דעם צדיק איינגאַנצען צומישט זיינע הויכע געדאַנקען, ער האָט זיך אַליין ניט געפונען קיין עצה זיך צוגעבען, ער האָט ניט געהאַט קיין אָרט צו אַנטלויפען און ער איז שיעור אַרוים פון דעת פאַר צער און עגמת נפש עס איז איהם געווען אונמעגליך צו דערגיין פון וואַנעט האָט זיך דאָס גענומען ווער האָט איהם דאָס שלעכטץ אָנגעמאַכט וואָס ער קען גאָר ניט אַרוים פון דעם, און ווי ער האָט זיך דערמאַנט אַז עס קומט שוין דערבאַווסטער טאָג פון יאָהר וואָס ער ניט זיך אַליין אָפ אַרעכנונג פון די תורה ומעשים וואָס ער האָט אָב געטאָהן אַגאַנץ יאָהר און ער האָט געזעהן אַז וואָס אַ טאָג פאַרקערצט ער מיין אין לערנען מיט דעם דאַווגען, האָט ער אָנגעהויבען שטאַרק צו ביי דויערען און זייער צו וויינען נאָר ער האָט אָבער ניט געהאַט קיין שום עצה וואָרום די מענשען האָבען איהם ביי קיין אופן ניט אָבגעלאָזט.

ויהי היום, עס איז אָנגעקומען דערבאַווסטער טאָג פון יאָהר, איז דער „צדיק” אַרוים פון שטוב און אַוועקגעגאַנגען טיעף אין וואַלד אַריין, און האָט אָנגעהויבען מאַכען זיך אַ חשבון פון זיינע מעשים וואָס ער האָט געטאָהן אַגאַנץ יאָהר, אַזוי ווי עס וואָרנען אונז אונזערע הייליגע חכמים אין (מסכת אבות) „הוי מחשב הפסד מצוה כנגד שכרה”

דו זאלסט בײַרעכנען דעם שאדען וואס דו קענסט האבען פון דעם וואס דו וועסט טאהן א מצוה אנטקעגען דעם גרויסען שכר וואס די וועסט קריגען דערפאר, וועסטו זעהן אז עס לוינט צו האבען וויפיל שאדען פון א מצוה טוהן אבי צו האבען דער נאך דעם וווּנדערליכען גרויסען שכר, דעסטגלײַכען האבען זײַא געזאגט „ושכר עבירה כנגד הפסידה" אז דער יצר=הרע רעדט דיך אן צו טאהן איין עבירה און ווײַזט דיר די גרויסע הנאה מיט דעם שכר וואס דו וועסט האבען פון דעם, זאלסטו אבער בײַרעכענען דעם גרויסען שאדען וואס ס'וועט דיר ארויסקומען פון די עבירה ס'איז ניט כדאי אז דורך איין מינוט אבער א שעה הנאה ותענוג זאלסטו פארלירען בײַדע וועלטען, אין בפרט עולם הבא וואס ס'איז א אייביגע און א ליכטיגע וועלט, וואס דער הייליגער תנא זאגט אונז אין (מסכת אבות) „יפה שעה אחת בעולם הבא מכל חיי עולם הזה" דער מענש שפירט מעהר תענוג פון איין שעה אין יענע וועלט, ווי ער שפירט תענוג פון גאנצען לעבען אויף די וועלט, און ווי דער צדיק האט זיך געמאכט דעם חשבון איז ער שטארק דער=שראקען וואָרום ער האט זיך ארום געזעהן אז ער האט דאס יאהר שטארק פארקערצט די תורה ועבודה זײַנע וואס צײַט זײַן לעבען האט ער נאך אזוי פיעל ניט פארקערצט האט ער אנגעהויבען זײַער ביטער צו קלאגען און צו וויינען ביז די נשמה איז איהם ש"עור ארויס פון גוף, דעמאלס איז צו איהם צוגעקומען דער „שטן" פארשטעלט אזוי ווי איין צדיק, און האט איהם געפרעגט מיט זײַער גוטע ריידליך מײַן ליבסטער פרײַנד ס'האט מיך אנגענומען אויף דיר אגרויס רחמנות איך האב דיר געהערט וויינען פון דער ווײַטענס, דארום האב חס אויף מיר און דערציי׳ל אלעס וואסער שלעכטיץ דיר האט געטראפען וואס צוליעב דעם ווילסטו נעמען זיך דאס לעבען אזוי ווי איך האב איצט געהערט פון דײַן מויל, ווי אזוי קענסטו דאס טאהן די הייליגע חכמים זכרונם לברכה האבען דאך געזאגט „המאבד עצמו לדעת אין לו חלק לעולם הבא" דער וואס ער מאכט זיך אליינט פארלירען פון די וועלט האט ניט קיין חלק אויף יענע וועלט, דארום איז גלײַכער פאר דיר די זאלסט מיר פארציילין אפשר וועל איך דיר קענען ארויסראטוועןן פון דײַן צרה, און דו וועסט בלײַבען צוריק בײַ בײַדע וועלטען, האט דער „צדיק" זיך אבגערופען צו איהם בעסטער פרײַנד פרובט מיר גארניט טרייסטען וואָרום ס'איז שוין פון מיר פארלוירען געווארען אלע טרייס=טונגען, ס'איז שוין פארפאלען איך האב שוין סײַ ווי פארלוירען מײַן נפש רוח ונשמה, ווײַל איך האב אליינט געפעלשט אין מיר, האב ניט געטהון קיין שלאס צו מײַן מויל, מײַן נארישער שכל האט מיך איבער גערעדט איך האב געמיינט מיט דעם מתקן צו זײַן, און צום סוף האב איך מיר דער מיט זײַער פארזינדיגט אז איך האב שוין ניט קיין האפונג גוטס צו טאהן, און נאכמעהר אזעלכע מענשען מיט אקליינעם שכל האבען מיך זײַער געיאגט און האבען מיר אזוי שטארק געשטערט

מיין

מײַן תורה ועבודה אַז איך האָב שוין אַלע האָפֿונג פֿאַרלוירען, איך בין אַזוי אַראָבגעפֿאַלען אַז ס׳איז שוין שווער זיך אויף צוהייבען.

ויען השטן, רופֿט זיך אָב דער „שטן" צו איהם, דו ווייסט דאָך וואָס די גמרא זאָגט „דאגה בלב איש ישיחנה מדעתו ואמרי לה ישיחנה לאחרים" אַז דער מענש האָט עפּיס אַ זאָרג זאָל ער דאָס אַרויס נעמען פֿון זײַן דעה און זאָל עס גאָר ניט אין זינען האָבען, אָבער ער זאָל עס פֿאַרצײַלען פֿאַר אַ גוטען פֿרײַנד וועט ער איהם געבען אַ גוטע עצה, דאַרום פֿאָלג די הייליגע גמרא און פֿאַרצײַל מיר אַלעס וועסטו זעהן אַז ס׳וועט דיר קומען די הילף, זאָלסט ניט מיינען אַז איך בין אַ פּראָסטער מענטש, ניין עס קען זײַן אַז איך בין נאָך מעהר למדן אין צדיק פֿאַר דיר, און אַזוי ווי ער האָט די רייד גירעדט האָט ער אָנגעהויבען צו זאָגען איהם פּשטלעך אין גמרא אין זוהר הקדוש מיט אַסאַך דברי חסידות וצדקות, אַזעלכע זאַכען וואָס קיין מענש האָט נאָך קיין זכיה ניט געהאַט צוהערען ביז אַהער, ביז עס האָט זיך גע=דאַכט דעם „צדיק" אויף דעם „שטן" אַז עס געפֿינט זיך גאָרניט אַזאַ גאון וצדיק אויף די גאַנצע וועלט ווי ער איז דאַרום האָט זיך דער „צדיק" זיך אָנגעהויבען פֿאַר איהם אויס צורײדען דאָס גאַנצע האַרץ און האָט פֿאַר איהם אַלעס פֿאַרצײַלט, ווי דער צדיק האָט געענדיגט זײַנע רייד רופֿט זיך אָב צו איהם דער „שטן" די בעסטער פֿרײַנד בדאַרפֿסט זיך צו שעמען אַז אַזאַ מענש ווי דו זאָל זיך באַקלאָגען אויף אַזעלכע זאַכען, צו ווייסט דו דען נישט וואָס די הייליגע גמרא זאָגט אין (יומא ע"ב ע"א) „הלומד תורה ואינו מקיימה נקרא כסיל" אַז איינער לערינט תורה און ער טוט ניט וואָס ס׳שטייט אין איהר ווערט ער אָנגערופֿען אַנאַר, נאָך זאָגט די גמרא אויב ער איז ניט מקיים וואָס ס׳שטייט אין די תורה „נוח לו שלא נברא" וואָלט איהם גלייכער געווען ער זאָל ניט בײַשאַפֿען ווערען, און נאָך זאָגט די גמרא „לא המדרש הוא עיקר אלא המעשה" נישט דער עיקר איז דאָס דרש׳נען נאָר דאָס טוהן וואָס שטייט אין דער תורה איז דער עיקר, און איין מענש קאָן ניט זײַן אַ מושלם אין צדקות ביז ער איז מקיים דרײַ זאַכען וואָס די וועלט שטייט אויף זיי תורה, ועבודה, וגמילות חסדים ער זאָל גומל חסד זײַן מיט דעם צווייטען מענש מיט געלד אָבער מיט דעם גוף, און דו קענסט דאָך ניט טאָהן גמילות חסד מיט געלד ווײַל דו האָסט ניט, בדאַרפֿסט האָטש טאָהן מיט אַפּאָר גוטע רייד צו בענשען יענעם אָבער אַ גוטע עצה מיעץ צו זײַן דעם צווייטען מענש, פֿאַרוואָס זאָלסטו זיך ניט בײַרעכענען וואָס וועט דער רבונו של עולם האָבען פֿון דײַן סאַך תורה לערנען אויב דו ווערסט ניט וועלען גומל חסד זײַן מיט זײַנע קינדער די באַטריבטע, זעה נאָר ווי האָבען מיר דען אַגרעסרען מענש י״י אונזער הייליגער אברהם אבינו עליו השלום, דער רבונו של עולם רופֿט איהם „אברהם אוהבי" מײַן גוטער פֿרײַנד אברהם, ער איז פֿאַררעכענט פֿאַר דעם ערשטען רגל פֿון די הייליגע

מרכבה

מרכבה, און ער האָט שטענדיג גילערנט תורה מיט אַ ישיבה אַזוי ווי די גמרא זאָגט אין מסכת יומא, און פֿון דעסטוועגען האָט ער אַוועק געלייגט תלמוד תורה פֿון אַ רבים, און האָט זיך גאָר אָבגעגעבען מיט גמילות חסדים און שטענדיג געטהון אין די מצוה פֿון הכנסת אורחים, עס שטייט אין זוהר הקדוש „מה הוה עביד אברהם אבינו הוה קאים על פרשת אורחין ומכניס אושפיזין כדי לפרסם אלקות בעולם״ וואָס האָט אברהם אבינו גיטאָהן שטענדיג, ער איז געשטאַנען ווי די וועגען צושיידען זיך און האָט אַהיים גענומען צו זיך אורחים, כדי ער זאָל מפרסם זיין אויף די גאַנצע וועלט דאָס געטליכקייט פֿון דעם רבונו של עולם, על כן פֿאָלג מיין עצה וועט דיר גוט זיין אויף ביידע וועלטען צו טייל דיינע טעג אויף דריי חלקים, אַדריטעל זאָלסטו זיך פֿאַרנעמען מיט לערנען תורה, און אַדריטעל מיט גמילות חסדים דו זאָלסט עפֿענען דיינע טירען אַז ווער עס וועט וועלען זאָל אַרייַנקומען צו דיר זאָלסט איהם בענטשען און גיבען גוטע עצות, כדי אַלע זאָלען זעהן ווי גרוים ס'איז דער כח פֿון תורה ועבודה, אַז ווער ס'איז אין זיי עוסק באַגליקט ער מיט זיינע רייד, און וואָס ער זאָגט אַרוים מיט דעם מאָל ווערט באַלד אַזוי גיטאָהן אין הימעל אַזוי ווי די „גמרא״ זאָגט „צדיק מושל ביראת אלקים הקב״ה גוזר גזירה והוא מבטלה״ דער צדיק גיוועלטיגט אַז דער רבונו של עולם איז גוזר גזירות חלילה איז ער זיי מבטל מיט זיין כח התורה, און דעמאָלם וועלען אַלע וויסען און וועלען זעהען אַז דער הייליגער נאָמען פֿון גאָט איז אויף דיר פֿאַרופֿען וועלען זיי מורא האָבען פֿאַר דיר, און עס וועט גיהייליגט ווערען דער נאָמען פֿון רבונו של עולם אויף די גאַנצע וועלט און דאָס איז דאָך דער גאַנצער ווילען פֿון גאָט ב״ה „שידע כל פעול כי אתה פעלתו ויבין כל יצור כי אתה יצרתו״, אַז יעדעס ווערק אין יעדעס בייַשעפֿניש זאָל וויסען אַז דו גאָט ב״ה האָסט עס גיווירקט אין ביי־שאַפֿען און וועט אַלעס אַרויסקומען גאָר דורך דיר, וועסטו דאָך זיין „אהוב למעלה ולמטה״ געליבט אין די הימלען און אויף די ערד, און דיין שכר וועט זיין זייער גרוים, און ס'וועלען זיך בענטשין אין דיר אַלע מענשען פֿון די וועלט, און ווייא דער „צדיק״ האָט דאָס אַלעס אויסגיהערט פֿון דעם שטן וואָס ער האָט געמיינט אויף איהם אַז ער איז איין איש תם וישר, און זיינע אַלע רייד זענען גירעדט מיט בלויז אמת וצדק און מיט איין אמת גוטעפֿריינדשאַפֿט, האָט ער זיך אַביסעל געטרייסט פֿון זיין פֿריהער פֿאַרביטערטקייט און איז געוואָרען דערקוויקט און האָט ניט גענאָרגט ער איז זיך אַהיים געגאַנגען, און האָט זיך גיהייסען געבען אַסעודה צו עסען און האָט זיך אַביסעל פֿאַרגיטעקעט און האָט אָנגעהויבען צו טאָהן זיין עבודה אַזוי ווי דער „שטן״ האָט איהם מיען געוועזען און איז געוואָרען אַ רבי.

אין באמת איז דער מענש נאָך נישט געקומען צו די מדרגה ער זאָל ראוי זיין אַרויף זעצען זיך אויף די כסא רבנות ער זאָל ווערען

אנגערופֿען

אָנגערופֿען מיט דעם נאָמען „רבי״ אַז אַ רבים מענשען זאָלען קומען בײַ איהם נעמען ברכות מיט עצות, און הערען דברי תורה פֿון זײַן מויל, דאַרום אַזוי ווי ער האָט אויף זיך גענומען דאָס הערשאַפֿט פֿון רבנות, איז ער באַלד אַראָבגעפֿאַלען פֿון אַלע מדרגות ביז אין טיפֿסטען גרוב אַרײַן, ווײַל ער האָט זיך ניט געוויסט ווי אַזוי צו זײַן געוואָרענט אין דעם, און ווי אַזוי זיך צו פֿיהרען אין אַזאַ הויכע און טײַערע זאַך וואָס צו דעם איז גאָר ניט דאָ קײַן גלײַכען ניט אויף די וועלט ניט אויף יענע וועלט, דאַרום איז ער נעגעבען אַ פֿאַל אַראָב אין גאַנצען פֿון זײַן גרויסקייט, און האָט שוין קײַן תקומה ניט געהאַט צו זײַן מפלה און דאָס איז געווען די גאַנצע כוונה פֿון שטן אַזוי ווי עס שטייט אין דעם ספר „שפתי צדיקים״ דאָס וואָרט „רבי״ לייגט זיך אויס ראש בני ישראל ווען איז דאָס אַז ער איז איין ערליכער ער מיינט אַלעס לשם שמים און אויב חלילה ער מיינט פֿאַר זײַן הנאה וועגען לייגט זיך אויס דאָס וואָרט „רבי״ רע בעיני ה׳ נאָך לייגט זיך דאָס אויס „רעד יבוא בו״ דאָס ציטערניש זאָל אין איהם אַרײַן קומען, דער פסוק שעלט איהם, דער גרויסער באַרימטער הייליגער גאון הרב ר׳ יצחק מאיר דער רבי פֿון גור זכותו יגן עלינו האָט געזאָגט אַז אויב דער וואָס ווערט רבי אין ער מיינט זיך עפּיס פֿאַר זײַן הנאה וועגען זאָל ער וויסען אַז דער גיהנם מיט דעם כף הקלע וועט נאָך זײַן ווייניג פֿאַר איהם דער גרויסער באַרימטער הייליגער גאון הרבי ר׳ צדוק הכהן מלובלין זכותו יגן עלינו, האָט געזאָגט אַז דאָס ענין פֿון זײַן אַ רבי אַגוטער יוד איז אַז ער זאָל אפילו מיט די ברעהם פֿון אויג קײַן ריהער ניט טאָהן אָן כוונה לשם שמים, דער גרויסער באַרימטער הייליגער צדיק הרב ר׳ יחזקאל דער רבי פֿון קאזמיר זכותו יגן עלינו, האָט געזאָגט אַז דער וואָס איז ניט גע-קומען צו די מדרגה ער זאָל קענען זײַן אַרבי אין ער ווערט יוא רבי הייסט דאָס ניט אַז ער זיצט אויף אַשטוהל פֿון רבנות נאָר ער זיצט אויף איין גוי״ש בעט, און איז עובר אויף דעם וואָס די הייליגע גמרא זאָגט (ברכות ח׳ ע״ב) „ואל תשבו על מטה ארמית״ איהר זאָלט ניט זיצען אויף איין גויש בעט, דאָס האָט דער הייליגער תנא רבי יהושע בן לוי צוואה געלאָזט זײַנע קינדער מען קען זאָגען די כוונה פֿון דעם הייליגען קאָזימיר רבינ׳ס ווערטער וואָרום פֿאַרצײַטען האָבען די גוים געדינט די עבודה זרה כדי זי זאָל איהם אַראָב ציהען זײַן געבראָך קומט אויס אַז ער האָט גאָר זיך געמיינט צו דינען כדי ער זאָל האָבען זײַנע הנאות אַזוי דער וואָס מאַכט זיך פֿאַר איין רבי אַז ער דינט דעם רבונו של עולם, און צום סוף מיינט ער גאָר פֿאַר זײַן הנאה וועגען הייסט דאָס אויך אַז ער דינט גאָר זיך, און דאָס וואָס רבי יהושע בן לוי האַפּט אָן דאָס וואָרט „מטה״ אַ בעט, פֿאַרוואָס האַפּט ער ניט אָהן „כסא״ אַ שטוהל ווײַל פֿאַרצײַטען איז מען ניט

געזעסין

געזעסען אויף שטוהלען נאר אויף די בעטען אזוי ווי דאס איז בעוויסט אין די גמרא אסאך מאל.

איצט וועלען מיר צוריק גיין פארציילען פון די מעשים פון דעם צדיק, ער האט זיך אן געהויבען זיך צו פיהרען כסדר אזוי ווי דער שטן האט איהם מיעין גיווען, אדריטעל טאג האט ער מבטל געווען אין גאנצען פון תורה ועבודה, נאר ער איז אבגעקומען מיט נאריש־מאכען זיך מיט פראסטע מענשען, וואס זענען איבער איהם געלאפען מיט געוואלדען אין האבען געשריגען גיב אונז פרנסה, גיב אונז קינדער גיב אונז אסאך יאהרען צו לעבען, און עס האט גיגליקט מעשה „שטן" אז וואס ער האט געזאגט איז באלד מקוים געווארען אזוי ווי יעדענם ווילען, אבער וויל ער איז קיינמאל ניט געוואוינט געוועון מיט אזעלכע משונה'דיגע זאכען און האט קיינמאל אזוינס ניט גיזעהן און ניהערט, איז ער געווארען כמעט אזוי ווי א צומישטער אין א שיכור, ער איז כמעט ארוים פון דעת און האט זיך ניט געוויסט קיין עצה צו געבען, דאס הארץ האט אין איהם געקלאפט און האט מורא געהאט אפשר פארקירצט ער אין עבודת הבורא יתברך אין די ווערטער פון דעם יועץ הנ"ל זענען ניט ריכטיג, דער וויל איז אבער אזוי איבער געלאפען א גאנץ יאהר ביז ס'איז אן געקומען דער בעוויסטער טאג אין יאהר ווען ער פלעגט זיך אבגעבען חשבון פון אלעם וואס ער האט אבגעטהאן א גאנץ יאהר, איז ער וויטער ארין אין וואלד גאנץ טיף און האט זיך אנגעהויבען צו בערעכנען וואס עס טהוט זיך מיט איהם און וואס ס'איז פון איהם געווארען און וואס וועט זיין אז ס'וועט קומען די צייט פון שטארבען ער וועט דארפען אבגעבען דין וחשבון פאר די פמליא של מעלה ווי אזוי וועט ער אויסזעהען, האט ער זיך ארום גיזעהן אז עס איז זייער שלעכט ער איז אראב פון אלע מדרגות, און האט פארלוירען אסאך תורה וואס ער האט שוין גיהאט פארמאגט, האט ער זיך זייער פונאנדער געוויינט. און האט זיך מיישב געוועון ער וועט טאהן א שבועה ביי גאט ברוך הוא אז פון היינט אן און וויטער זאל זיין וואס ס'וועט זיין און אפילו עס וועט קומען דער גרעסטער פון די גאנצע וועלט אין וועט איהם אויסווייזען אז אויב ער וועט פארמאכען זיינע טירען ער וועט ניט ארין לאזען קיין שום מענשען נאר ער וועט דאוונען אין לערנען אזוי ווי פריהער קען ער פארלירען דאס גאנצע חלק לעולם הבא אין ער וועט זיין [illegible] אין גיהנם און ער וועט שוין קיינמאל קיין תקומה האבען, [illegible] ער ארץ מפקיר זיין און גאר ניהשט קוקען נאר ער וועט זיך צוריק [illegible] לערנען און דאוונען אזוי ווי פריהער.

ויהי איז געוועון אזוי ווי ער האט גערעכנט אזוי צו טאהן און באלד אבשווערען די שבועה, איז אין די רגע אנגעקומען אנטקייגען דער „שטן" זיין יועץ מיט אפרייליך פנים האט געשיינט אזוי וויא א מלאך אלקים ער האט נאך גאר ניט אזא ליכטיג פנים קיינמאל

גיט

ניט געזעהן אפילו ביי צדיקים וקדושים וטהורים וואָס געפינען זיך אויף די וועלט, אויך האָט ער זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט אין זיינע געדאַנקען אַזאַ הויכגעשטעלטען מענש איבער דעם. איז ער געבליבען שטיין דערציטערט אין זייער פאַרווינדעט אַז די האָר פון קאָפּ האָבען זיך איהם אויפגעשטעלט פאַר פחד, נאָר דער „שטן" האָט זיך אָבגערופען צו איהם מיט זיין פאַלשע צינג, וואָהל איז דיר מיין קינד אין וואָהל איז דיין חלק מיין געליבטער גוטער פריינד אין וואָהל איז דיין גורל און פריי דיך מיט דיין טייערען חלק אויף די וועלט און אויף יענע וועלט, ווייסען זאָלסטו וויסען איך האָב געהערט פון אונטערן הימעל, אַז דו ביזט איין גרויסער און הייליגער מענש וואָס דיין גלייכען געפינט זיך נאָרניט אין די היינטיגע דורות און אויף דיר שטייען אַלע וועלטען, און נאָכמעהר מיט דעם גמילות חסדים ביזטו געוואָרען נאָך גרעסער און נאָך הייליגער אַז ס׳איז ניט משער צו זיין, וואָהל איז דיר דאָס די האָסט געטוהן אַ גאַנץ יאָהר אַזוי פיהל גמילות חסדים מיט אַסאַך מענשען, דאַרום האָסטו זוכה געווען צו אַזעלכע גרויסע מדרגות און איך האָב אויך זוכה געווען דורך דיר צו גרויסע זאַכען ווייל איך האָב דיך צוגעבראַכט צו די גרויסע זאַכען, ווען דו זאָלסט מיר פאָלגען און הערען מיין גלייכע עצה, זאָלסטו דיר נעמען נאָך מעהר צייט אין טאָג גומל חסד זיין מיט די קינדער פון די הייליגע אבות אברהם יצחק ויעקב, דו זאָלסט זיין צו זיי אַבגעגלייבטער פאַסטוך וועסטו זוכה זיין נאָך צו גרעסערע מדרגות אַזוי ווי ס׳האָבען זוכה געווען משה רבינו מיט יהושע, ווייל זיי זענען געווען די פיהרער פון די יודען און זיי האָבען שטענדיג געבעטען פאַר זייערטוועגען, און אַזוי זאָלסטו אויך שטענדיג טאָהן וועסטו נאָך גרויס ווערען, וואָרום מיר געפינען ביי משה רבינו עליו השלום שטייט „וירד משה מן ההר אל העם" איז דער פשט משה רבינו האָט אַראָבגענידערט פון זיינע הויכע מדרגות, און האָט זיך גאָר ניט אומגעקוקט אויף זיין הויכע עבודה, נאָר ער האָט זיך נאָר געקערט צום פאָלק זייא צו פיהרען אין גוטען וועג און צוטוהן זייערע בדערפנישען, על כן בדאַרפסט אויך אַזוי צו טוהן, דער „שטן" האָט איהם אַזוי פיהל איינגערעדט מיט זיינגלאַטענע צונג, ביז ער האָט ביי איהם געפועלט ער זאָל איהם צו הערען ער זאָל עפענען זיינע טירען פון שטוב, און ווער ס׳וועט וועלען אַריינקומען צו איהם זאָל אַריינקומען און ער וועט איהם געבען ברכות מיט עצות וויפיעל ער וועט נאָר פאַרלאַנגען אין דערמיט האָט ער גערעכענט וועט ער דינען דעם רבונו של עולם מיט די רעכטע עבודה.

און אַזוי האָט ער זיך כסדר אָנגעהויבען צו פיהרען, און ווען עס איז אָנגעקומען דער ביינוויסטער טאָג פון יאָהר און איז געגאַנגען אין וואַלד אַריין זיך אָבנעמען רעכענונג פון אַ גאַנץ יאָהר, איז אַליין געקומען צו איהם דער „שטן" פאַרשטעלט ווי אַגרויסער מאַן און

אגרויסער גוטער פריינד, און האט אלץ געזאגט טרייסטונג רייד און זיסע ריידלעך מיט זיינע גלאטיגע לעפצען, ביז ער האט איהם איבערגירעט און איהם אויסגעוויזען אז פאר אזא שטייגער גרויסען מענש האט שוין קיין מקום ניט ער זאל נאך בדארפען זיך אנידערזעצען לערנען ביי איין ספר צו דאווענען לאנג, אמעהר אלץ וואס ער טהוט ער בענטש יודין, און גיט זיי עצות און פרעגט זייא אויס וואס פעהלט זיי און טוהט אלץ וואס זיי בדארפען איז דאך פיהל טויזענדער מאל גרעסער ווי לערנען און דאווענען און בפרט אזא גאון ווי ער איז וועט ער דאך סיי ווי ניט פארגעסען דאס לערנען, ער האט איהם די רייד געפאלגט און האט זיך אריינגעלאזט גאנצע טעג מיט עסקים פון פיל מענשען, ביז ער האט פארגעסען אויך דעם בייוויסטען טאג אין יאהר וואס ער פלעגט זיך מתבודד זיין אין וואלד און אז ער האט שוין דעם הייליגען טאג זיינעם פארגעסען דא איז שוין פארלוירען געווארען פון איהם די לעצטע נחמה אויך, און איז שוין געבליבען אין גאנצען ביי דעם „שטן" אין די הענד, אזוי ווי דער פויגעל ווערט געפאנגען אין די נעטין, פון דעמאלס אן האט ער זיך אנגעהויבען פיהרען אז וואס א מענש האט פון איהם פארלאנגט האט ער איהם צוליעב געטאהן ס'איז, געקומען איינער און האט איהם פארציילט אז דער צווייטער האט איהם עפיס א שלעכץ געטאהן, האט ער איהם געענטפערט עס זאל איהם גארניט ארען ווארום דער צווייטער וועט באלד שטארבען, אבער ער וועט באלד ווערען א ארימאן אבער ער וועט משוגע ווערען, און האט אלץ געטאהן אזוי ווי איין צומישטער מענש אן ישוב הדעת, ווארום דער „שטן" האט איהם וואס אמאל מעהר אוועקגעשטויסען פון תורה ועבודה, ער האט דאך מורא געהאט טאמער וועט ער זיך צוריק חאפען צום לערנען מיט דאווענען. ווארום דאס הארץ פלעגט נאך איהם אסאך מאל גלוסטען צו צוחאפען זיך צו תורה ועבודה וואס ער איז אין דעם געווען אזוי פיל אריינגעטאהן אסאך יאהרען, דארום האט דער „שטן" אלע מאל צוגעשיקט מעהר עסקים ביז ער איז שוין געווארען צו געוואנט דערצו, און ס'איז שוין געווארען ביי איהם א טבע אז ער בדארף שוין ניט צולערנען און דאווענען, אזוי ווי די הייליגע גמרא זאגט „עבר ושנה נעשה לו כהיתר" אז איינער טוהט חלילה א עבירה און טוהט זי נאכאמאל ווערט די עבירה ביי איהם אזוי ווי איין היתר עס דאכט זיך איהם אז מען מעג שוין טאהן אזוי, דעריבער האט זיך איהם געדאכט אז ער מעג שוין אלעס טוהן, און ער איז פארקראכען זייער אין שלעכטע וועגען אין די תורה הקדושה, אזוי ווי די הייליגע גמרא זאגט „למיימינים בה סמא דחיי" די וואס גייען אין רעכט פארטיגען וועג איז די תורה הקדושה פאר איהם א סם פון לעבען, „למשמאילים בה סמא דמותא" די וואס גייען מיט דעם לינקען וועג חלילה איז צו איהם די תורה א סם פון טוידט, ווארום די תורה איז געגעבען געווארען פארשטעלט

כדי

כדי עס זאָל זיין די בחירה ביי דעם מענטש ער זאָל אויסוויילען דעם גוטען וועג פֿון שלעכטען וועג, וועט ער דורך דעם זיך פֿאַרדינען אַ גוטען שכר לעולם הבא, וואָרום דער וואָס אַרבייט ניט פֿאַרדינט ניט אָבער אַז ער האָט זיך אָבגעלאָזט פֿון די תורה איז ער פֿאַרקראָכען אין אַ שלעכטען וועג אַזוי ווי די גמרא זאָגט „שנה ופירש קשה מכולן״ אַז איינער האָט געלערנט און האָט דערנאָך אַוועקגעוואָרפֿען דאָס לערנען איז גאַנץ שווער אַז עס זאָל זיין צו איהם אַ תקנה, איבער דעם איז ער געוואָרען אַגרויסער קרומער מענש אין האָט דורך זיין רשעות געהערט מיט דעם מויל אַסאַך מענשען אָן אַ צאָהל, און אַסאַך האָט ער אָרים געמאַכט, און האָט אָן געמאַכט אַחורבה דורך זיין קרימקייט מיט דעם „שטן׳ס״ עצות אַסאַך וועלטען אָן אַ צאָהל און ס׳איז אַזוי דורך געלאָפֿען אַסאַך יאָהרען און איין עבירה שלעפּט צו די צווייטע ביז ער איז געבליבען שטיין נאַקעט אָן שום יודישקייט, און די טומאה מיט די סטרא אחרא איז אַריין אין איהם זייער טיעף אין האַרצען, און דענסטמאָל איז געקומען צו איהם דער „שטן״ און האָט זיך אַנידער־געזעצט נעבען זיין רעכטע האַנד און האָט איהם בייגעשטאַנען מיט פֿאַרשיעדענע עצות ווי אַזוי צוטאָהן מיט יעדען מענש וואָס קומט צו איהם, און האָט אין איהם אַזעלכע מיני שלעכטע עצות אַריינגעבראַכט ביז אַסאַך מענשען זענען דורך איהם אַרויס פֿון דת היהודית רחמנא ליצלן און דער „שטן״ איז געוואָרען מלא שמחה וואָס ער האָט דעם מענש פֿעסט געקריגען, און האָט איהם אַרויפֿגעפֿיהרט אויף זיין שלעכטען וועג אויף וויפֿיל ער האָט נאָר אַליין געוואָלט.

ויהי היום, עס איז געקומען אַ טאָג וואָס דער „שטן״ איז צו איהם געקומען און האָט אָנגעהויבען זיך צו אַנטפּלעקען צו איהם ווער ער איז און וואָס ער האָט איהם אַלץ געטאָהן, וואָרום פֿאַר דעם „שטן״ איז דאָס נאָך אויך איהם געווען ווייניג, ער האָט דעם מענש געוואָלט ברענגען אַז ער זאָל עובר זיין אויף אַלע עבירות וואָס ס׳איז נאָר אויף די וועלט פֿאַרהאַנען, האָט ער זיך אַרום געזעהן אַז דאָס וועט ניט מעגליך זיין ביז ער וועט זיך צו איהם מגלה זיין ווער ער איז איבערדעם האָט ער זיך אָבגערופֿען צו דעם מענש, מיין געליבטער גוטער פֿריינד דו זאָלסט וויסען אַז איך האָב געהערט פֿון הימעל אַז דיינע זינד האָבען זיך אַזוי געגרייסט, אַז קיין שום תשובה וועט שוין פֿון דיר נישט ווערען אָנגענומען פֿאַר דעם רבונו של עולם, און אפילו די וועסט זיך ריינינגען אַזוי ווי מיט זייף, און די וועסט פֿאַרשפּרייטען דיינע הענד צום איבערשטען ב״ה און בעטען ביז די נשמה וועט דיר אויסגיין, און דו וועסט שוין פֿון היינט אָהן טוהן כל מיני מעשים טובים און דו וועסט לערנען טויזענדער מאָל אַזוי פֿיל ווי דוא האָסט אַמאָל געלערנט, וועט אויך זיין דער הימעל פֿאַרשלאָסען פֿאַר דיר און דיינע תפלות וועלען ביי קיין שום אופן ניט ווערען אָן גענומען, דער

איבערשטער ב"ה האט זיך פארהוילען פון דיר וויל די האסט גיטאהן
אזעלכע שלעכטע און ווילדע מעשים וואס צייט די וועלט שטייט האט
נאך קיין שום רשע אזוינס ניט נעטאהן, דו האסט מיט דיר רייד פון
דיין מויל געהרגעט אסאך טייערע מענטשען, אלמנות מיט יתומים
שרייען צום רבונו של עולם אויף דיר וויל די האסט זייער ברויט
אבגעהארגעט, דו האסט געפייניגט אסאך מענטשען געמאכט זיי פאר
משוגעים און פאר בעלי יסורים און ארומעלייט, און די האסט געמאכט
זינדיגען אסאך מענטשען וואס זענען אין גאנצען ארויסגעגאנגען פון
יודישען דת רחמנא ליצלן, און די הייליגע גמרא זאגט „חטא והחטיא
את הרבים אז ער אליין האט געזינדיגט און האט געמאכט אנדערע
זינדיגען, „אין מספיקין בידו לעשות תשובה" נעמט מען פון איהם צו
דעהם כח ציטאהן תשובה, „כדי שלא יהיו תלמידיו בגיהנם והוא בגן-
עדן" כדי די תלמידים זאלען זיך ניט געפינען אין גיהנם, און ער זאל
זיך זיין אין גן-עדן, איבערדעהם האט נאט ב"ה געשווארען אז ער וועט
דיך איבערענטפערען צו די אומדערבארומדיגע מלאכי-חבלה, און די וועסט
בלייבען אייביג צו שאנד. האט דער מענטש זיך אבגערופען צו דעהם
„שטן" מיר געפינען דאך אין די הייליגע גמרא „אין לך דבר שעומד
בפני התשובה" ס'איז ניט דא קיין שום זאך אויף די וועלט וואס זאל
קענען פארשטעלען דעהם וועג פון תשובה האט דער „שטן" עהם
אבגעענטפערט מיר געפונען אבער אין די גמרא מ'האט פון הימעל
געזאגט צו אלישע (אחר) „שובו בנים שובבים חוץ מאחר" טוט תשובה
אלע ווילדע קינדער „חוץ" אויסער אחר'ן וועט מען פון איהם ניט אן
נעמען קיין תשובה, זעהען מיר דאך אז עס געפינען זיך אסאך גרויסע
לייט וואס זייער תשובה ווערט אוועקגעשטויסען אין דרויסען זי ווערט
ניט אנגענומען ביי דעם רבונו של עולם און ווי האבען מיר נאך
אגרעסערען מענש ווי אלישע (אחר) וואס זיין תשובה איז געווארען
נדחה, און בפרט דו האסט אסאך מעהר געזינדיגט ווי אחר, דערי-
בער בדארפסטו וויסען אז מיינע רייד זענען אמת, האט דער מענש
זיך אבגערופען צום „שטן" אז ס'איז יוא אזוי וואס האסטו געוואלט
פון מיר האבען, די וועלט האב איך פון לאנג נישט ווארים איך האב
ניט קיין געלד און קיין פארמעגענס, און פון יענע וועלט בין איך
שוין פארטריבען געווארען וואס קען איך אצונד טאהן, האט זיך דער
„שטן" אבגערופען צו איהם הער מיך צו איך וועל דיר געבען אגוטע
עצה זאלסט האבען אסאך געלד און זילבער גרויסע אוצרות אן שיעור
און דענסטמאל וועסטו שוין זיין בכח צו טוהן וואס דיין הארץ וועט
נאר פארלאנגען, דו ווייסט דאך אז דיין נאמען איז בייוויסט אויף די
גאנצע וועלט, אז דו ביסט איין בעל מופת און א פועל ישועות,
דעריבער אז ס'וועט קומען צו דיר איינער און וועט בעטען ביא דיר
אז די זאלסט איהם בענטשען אבער געבען איהם א עצה, זאלסטו איהם
זאגען וואס בין איך דיין קנעכט אז איך זאל ארבייטען פאר דיר
אומזיסט

אומזיסט, גיב מיר געלד פאר איין פדיון וועל איך דיר בענטשען וואס דו פארלאנגסט נאר, ס'איז אזוי געוועזן און ער האט איינגעזאמעלט אסאך געלט און א שיעור, ס'איז ביי איהם געשטאנען פיל שענק מיט געלד, און די גנבים מיט די גזלנים האבען אויך מורא גיהאט פאר איהם צו גנבענען ביי איהם אפילו א פרוטה, ווארום זיין מורא איז געפאלען אויף די גאנצע וועלט אפילו אויף די גרעסטע גבורים פון די וועלט.

ויהי היום רופט זיך אן דער מענש צום „שטן" וואס קומט מיר ארויס פון מיין פיל גאלד און זילבער און וואס פאר הנאה האב איך פון דעם אלעמען וואס דו האסט מיך אזוי צוגירעדט צו דעם, האט זיך דער „שטן" אבגערופען נעם נאר מיט צו זיך אין קעשינע אסאך געלד און קום מיט מיר וועל איך דיר שוין ווייזען וואס צו טאהן, און ווי אזוי הנאה צו האבען פון די וועלט ער האט איהם געפאלגט און זייא זענען געגאנגען צו זאמען און האבען געקויפט זייער אטייערע קאטש מיט אפאר טייערע פערד, און האבען אנגעהויבען צו פאהרען שטאדט צו שטאדט און פון איין דארף אין צווייטען, און האבען זיך אן גיזעט זייערע אויגען פון אלע שיינע און גלוסטיגע זאכען. און געגעסען און געטרונקען פון אלע מיני מאכלים ומשקאות וואס ס'איז נאר דא אויף די וועלט אפילו טריפה'נע אויך, און זיי האבען זיך נאכגיגעבען אלע מיני גימיינע שלעכטע פארדארבינע תאוות, וואס זייער הארץ האט נאר פארגלוסט האבען זיי באלד געטאהן, וויא אלע מענשען האבען גיזעהן זייערע שלעכטע געמיינע מעשים וואס זיי טוהען פאר אלע אין די אויגען, אויסער וואס זיי האבען געטאהן ווי קיינער האט ניט געזעהן, איז יעדער מענש אנטלאפען פון דעם „צדיק" און מען האט שוין ניט געוואלט קוקען אין זיין טמא'דיג פנים און בפרט צו הערען פון אזא טמא מויל ברכות האט מען אודאי ניט געוואלט איז דעמאלס פארשטערט געווארען איהם זיין קוועלע פון געלד אויך, ווארום ס'איז באלד בייוויסט געווארען אויף די וועלט אז פון דעם „צדיק" איז געווארען גאר אגרויסער רשע, ס'איז שוין ניט כדאי צו הערין פון איהם קיין ברכות מיט עצות ווארום ער איז געווארען א טמא ומטומא ער האט עובר געוועזן אויף אללע עבירות שבעולם רחמנא ליצלן.

ויהי היום, ס'איז געוועזן ער האט אבגעפיהרט זיך אלאנגע צייט מיט כל מיני תאוות רעות און האט פארהולטייעט דאס גאנצע געלד, און קיין פרישע געלדער איז שוין צו איהם ניט אנגעקומען, איז ער געבליבען ווייטער ארים און נאקעט אן שום פארמעגענס, ווארום אפילו א ברונע מיט קוועלדיגע וואסער קען מען אויך אוים שעפען עס זאל נאר-נישט בלייבען אין איהר, איז ער געבליבען שטיין זייער דערציטערט און פארווינדערט און האט גיטראכט וואס טוט מען ווייטער און פון וואנעט וועט קומען זיין הילף, דערווייל איז ווייטער געקומען צו איהם דער

שטן

„שטן" און האט איהם דערמאנט ווי אין די פריערדיגע יאהרען. ווען ער האט געלערנט סודות התורה און חכמת קבלה מעשיות האט ער געוויסט פון א הייליגען שם וואס האט אין זיך א סגולה, אז מען איז אין איהם מכוון אלע כוונות וואס געפינט זיך אין איהם, דענסטמאל אז מען קוקט אן א מענש צו אנאנדער ביישעפעניש איידער זיי קוקען איהם אן, קען מען טוידטען זיי אין איין רגע מיט דעם בלויזען קוק און שום אנדערע פעולות, נוא אז די האסט ביי זיך אזא פארמעגענס בדרפסטו גארנישט זארגען, נאר טו וואס איך הייס דיר, גיי און שטעל דיך אנידער אויף די וועגען, און אז דו וועסט זעהן אדורך פאהרען אוידער א דורך גיין א מענש וואס זעהט גוט אויס און געהט שיין אנגעטאהן זאלסטו וויסען אז ער האט ביי זיך א סאך געלד, און דענסטמאל זאלסטו מכוון זיין די כוונות מיט דעם הייליגען שם, און וועסט איהם געבען א קוק אהן איידער ער וועט דיך אנקוקען וועט ער באלד שטארבען אויפ'ן ארט, דערנאך וועסטו צוגיין צו איהם און די וועסט איהם בייזוכען און דו וועסט צונעמען אלעס וואס ער האט און די וועסט דיר קענען טאן מיט זיין געלד וואס דיין הארץ בעגערט, ער האט באלד געפאלגט דעם „שטן" און האט זיך אויסגעקליבען א ברייטען וועג אין מיטען וואס דארטען פאהרען אדורך א סאך מענשען, און ער האט זיך געשטעלט אין מיט וועג אין א פארבארגען ארט, און ווער ס'איז א דורך געפאהרען און האט איהם אויס געזעהן אז ער האט א סאך געלד האט ער א קוק געטהון אויף איהם און האט איהם געטייט אין איין רגע, און אזוי האט ער גיטוהן טאג טעגליך און האט פארגאסען א סאך ריין בלוט, ביז דער גאנצער וועג איז געווארען פיל מיט הרוגים אהן א צאל, און פון דענסטמאל אן האט מען אויסגערופען אין אלע שטעדט ארום און ארום אז דער וועג איז אין א גרויסע סכנה ווער עס פאהרט דארט א דורך קומט ער שוין ניט אהיים לעבעדיג, על כן זאל זיך יעדער היטען זיין נפש און זאל ניט קומען אין דעם וועג און מען האט אזוי געמאכט א חוק אז מען זאל פאהרען ארום אין ארום, אין דעם וועג זאל קיינער ניט אנקוקען, נאר אבער די מענשען וואס פאהרען פון דערוויטענס זיי האבען דאך פון דעם ניט געוויסט, און זיי זענען אומגעוויסט געפאהרען דורך דעם מסוכן'דיגען וועג, זענען זיי געבליך געהרגעט געווארען דורך דעם רשעת פון דעם „צדיק" מיט דעם „שטן" זיי האבען אפילו קיין קבורה אויך ניט געהאט און דער „צדיק" האט אפילו שוין נישט אין זינען געהאט צו טוהן תשובה. נאר פארקערט ער האט שוין זיך מפקיר געווען צו אלע שלעכטע מעשים און האט אבגעטאהן כל מיני אומווערדיגע זאכען רחמנא ליצלן.

ויהי היום איז אנגעקומען א בעפעהל פון קיסר אין די שטאדט ארײן וואס זי איז געווען נאהנט צו דעם מסוכן'דיגען וועג, אז זיי זאלען ברענגען זייערע אוצרות פון געלד און זילבער אין די קיניגליכע

שטאדט

שטאָדט אַרײַן זײַ זאָלען קײַן רגע ניט פֿאַרזאָהמען וואָרום מען מוז שוין דאָס האָבען אַוועקצושיקען אין די מחנה זעלנער וואָס האָבען דענסט־מאָל מלחמה געהאַלטען אויף איין אַנדערע מדינה, און דאָס געלד האָט זיך בײַ זײַ אוים געלאָזט, און זײַ זענען דורך דעם אין סכנת נפשות אוים צושטאַרבען פֿאַר הונגער חלילה, ע״כ זאָל מען באַלד שיקען קײַן איין רגע ניט אויף האַלטען, ווי דער באַפֿעהל איז אָנגעקומען זענען די שטאָדט לײַט זײַער דערציטערט געוואָרען, וואָרום ווי אַזוי פֿאָרט מען דאָ אַ דורך אין אַזאַ סכנה, זײַ האָבען קײַן עצה זיך ניט געוויסט צו געבען עס איז דאָך אין בײדע זײַטען אַ סכנת נפשות, ע״כ זענען זײַ געגאַנגען און האָבען אוים גערופֿען אין די שטאָדט, אַז ווער עס וועט זיך אײַנשטעלען דאָס לעבען און וועט אַריבער פֿיהרען דאָס געלד דורך דעם וועג וועט איהם דער קיסר גרוים מאַכען ער וועט זײַן דערהעכסטער שר איבער אַלע שרים, און בײַזונדער וועט ער בײַקומען אַגרויסען שכר, האָט זיך אָבגערופֿען איין פֿאָלקאָווניק און האָט געזאָגט איך נעם זיך אונטער אַדורך צו פֿיהרען דעם אוצר מיט דעם געלד דורך דעם וועג, איך האָב קײַן מורא ניט פֿאַר קײַן שלעכטיץ, דער פֿאָלקאָווניק האָט אַזוי געטאָהן ער האָט גענומען דעם אוצר מיט זײַנע טויזינד זעלנער בײַוואָפֿענטע מיט ביקסען און שווערדען וואָס קענען שיסען זײַער ווײַט, אויך האָט ער מיט זיך מיטגענומען אַזאַ פֿאַרגרעסער גלעזעל וואָס מען קען אויף דעם זעהן גאַנץ ווײַט, און עס פֿאַרגרעסערט די זאַך וואָס מען קוקט אויף איהר זײַער גרוים און האָט אָנגעהויבען צו פֿאָהרען צו זאַמען מיט די באַוואָפֿענטע זעלנער אין דעם וועג, וואָרום ער האָט ניט געוואָלט גלײַבען צו די רײד פֿון אַסאַך מענשען וואָס האָבען געזאָגט, אַז שדים ומזיקים האָבען זיך דאָרט בײַזעצט און זײַ האַרגענען די אַ דורך פֿאָהרער, נאָר ער האָט געזאָגט אַז דאָרט זיצט בײַהאַלטען אַ מענש אַפֿאַרביטערטער און אַגרויסער חכם שלעכטיץ צו טאָהן, און מיט זײַנע עצות ותחבולות הרגעט ער מענשען צו ליב ער זאָל האָבען דאָס געלד, דאַרום האָט ער זיך גישטאַרקט און האָט געזאָגט אַז דורך דעם פֿאַרגרעסער גלעזעל מיט זײַנע שטאַרקע כלי=זיין וועט ער דעם מענש האַרגענען, און ס׳איז טאַקע אַזוי געווען באַלד ווי ער איז אַרוים פֿון שטאָדט מיט דעם חיל און האָט אָנגעהויבען צו קוקען אויף זײַן פֿאַרגרעסער גלעזעל וואָס מאַכט נאָהנט אַלע ווײַטע זאַכען, האָט ער באַלד דערזעהן איין מענש שטײט פֿון דערווײַטענס אין וואַלד בײַהאַלטען אונטער אַהויכען דיקען בוים, האָט ער זיך משער געווען אין האַרץ, אַז דאָס איז געווים דער נזלן דער רשע וואָס האַרגעט אַזוי פֿיהל מענשען, דאַרום האָט ער אָנגעשטעלט זײַן ביקס אַנטקעגען איהם און האָט אַפּאָר מאָהל אוים געשאָסען און האָט געטראָפֿען, און האָט דערזעהן אַז דער מענש איז אַנידערגעפֿאַלען געשאָסענערהײַט אויף די ערד דענסטמאָל האָט זיך דער פֿאָלקאָווניק משער גיווען אַז דער איז געווים געווען דער

רוצח, און אז ער איז שוין געהרגע'ט געווארען איז ער שוין אדורך געפאהרען דעם גאנצען וועג בשלום. און איז געווארען גרויס ביי דעם מלך אזוי ווי מען האט איהם צוגעזאגט, און אלע מענשען זענען געקומען זעהן די מפלה פון דעם רוצח וואס האט ביז אהער וויסט געמאכט דאס לאנד. איצט איז געווארען אין לאנד שטיל און שמחה וששון.

ויהי איז געוועזען ווי דער רוצח וואס ער איז געוועזען פריהער דער „צדיק" איז געפאלען א געשאסענער צו די ערד, איז צו געקומען צו איהם דער אנדערער זיינער דער „שטן זעהן זיין מפלה און פרייען זיך אין זיין צרה ווי ער האט דעם „שטן" דערזעהן האט ער אנגעהויבען צו שרייען אויף איהם מיט א ביטער יאמערליך קול, זעה נאר וואס דו האסט מיך ביטריבט, דו האסט מיך פארפיהרט און ביז דו האסט מיך געבראכט צו דעם ביטערען טוידט וואס האסטו געוואלט פון מיר האט זיך דער שטן אבגערופען צו איהם הער מיך צו וואס איך וועל דיר זאגען, די שווער מיר צו מיט איין הארבע שבועה אז אויב איך וועל פון דיר ארויס נעמען די קוילען און דו וועסט בלייבען געזונד, וועסטו געהן מיט מיר אבשמד'ן זיך און דינען די עבודה-זרה דענסט-מאל וועל איך דיר מאכען אין גאנצען געזונד, האט ער געענטפערט איך שווער צו אויף דעם, דער „שטן" האט אזוי געטאהן און האט פון איהם די קוילען ארויסגענומען און זופט זיך אב צו איהם זיי מקיים וואס דו האסט צו געשווארען און קום מיט מיר כופר זיין באלקי ישראל, האט ער נישט געוואלט גיין און האט צו איהם געזאגט אלץ וועל איך דיר צו הערען און טוהען וואס דו וועסט הייסען נאר דאס וואס דו ווילסט איך זאל כופר זיין באלקי ישראל דאס זאלסטו גארנית זאגען צו מיר, ווארום איך קען דאס נית טאהן ביי קיין שום אופן אין די וועלט, ווי אזוי קען מען דען לייקענען חס ושלום אין איינציגען גאט וואס ער איז א יחיד ומיוחד „הטוב ומטיב לרעים ולטובים" און שטארבען איין טוידט פון א רשע אמשומד רחמנא ליצלן, ווי דער שטן האט דאס דערהערט האט ער גענומען די קוילען און האט זיי צוריק אין איהם אריינגעשאסען אין דעם אייגענעם ארט פון פריהער האט ער בייקומען נאך גרעסערע יסורים און האט אנגעהויבען צו שרייען נאך מיט אגרעסער ביטער קול ווי פריהער אז ער זאל איהם ארויס נעמען די קוילען, נאר דער „שטן" האט נית געוואלט, האט ער אנגעהויבען צושווערען מיט כל מיני שבועות אז ער וועט שוין טוהן אלץ וואס ער וועט איהם הייסען אפילו צולייקענען אין יודישען גאט חלילה, אביער זאל פון איהם אבטאהן דעם ביטערען טוידט, דער שטן האט דאסמאל וויטער צוגעהערט צו איהם און האט אזוי גיטאהן, אבער ווי דער שטן האט נאר ארויסגענומען די קוילען פון איהם האט ער וויטער חוזר געוועזען און געזאגט מענסט מיט מיר טוהען וואס די ווילסט און דאס וועל איך דיך נישט פאלגען ביי קיין אופן:

דער

דער הייליגער „בעל שם טוב זכר צדיק לברכה״ האט עדות געזאגט אז קרוב צו הונדערט מאל האט איהם דער „שטן״ אזוי געפייניגט, יעדעס מאל וואס ער האט איהם צוריק אריין גיטאהן די קוילען האט ער צוגעזאגט אז ער וועט שוין כופר זיין באלקי ישראל חלילה, און ווי דער שטן האט נאר זיי ארויסגענומען האט ער באלד חוזר געווען פון דעם, ביז ער האט אויף זיך מקבל געווען מען איהם דער „שטן״ שוין טהון וואס ער וויל וועט ער איהם ביי קיין אופן נישט הערען, דער שטן האט איהם ווידער אריינגעשאסען די קוילען, אבער חאטש די יסורים זענען געווען פיל גרעסער ווי פריהער פון דעסטוועגען האט ער זיך שוין איינגעהאלטען און האט שוין ניט געוואלט נאר רעדען מיט דעם שטן נישט קיין גוטס און נישט קיין שלעכטץ. און דענסטמאל איז ער אנידערגעפאלען און איז געשטארבען ר״ל.

די נשמה זיינע איז ארויף אויפ׳ן הימעל און זי איז געקומען פאר די „פמליא של מעלה״ און גיטענה׳ט מיט גיבעט, פאר וואס זאל מען איהר ביי שולדיגען פאר די שלעכטע מעשים אז עטץ אליין האט מיך איבערגעענטפערט אין אזעלכע הענד אריין וואס ס׳איז אונמעגליך געווען אנטקייגען צו שטעלען זיך, אין אזעלכע הענד אריין ווי דער „שטן״ דער נחש הקדמוני וואס ער איז קלוגער פון אלע אוועק צו שטויסען דעם מענש פון „רבונו של עולם״ און מיט זיינע תחבולות האט ער מיך אוועקגעבויגען פון מיינע גוטע וועגען צו אלע שלעכטע וועגען איבער דעם בעט איך זייער פון אייך עטץ זאלט חס האבען אויף מיין נפש רוח ונשמה זיא זאל ניט חס ושלום פארפאלען ווערען אין שאול תחתיות, ווארום עס איז דאך אין מיר געפונען געווארען אסאך גוטע זאכען, און אזוי איז שוין אנ׳ערך פון דריי הונדערט יאהר וואס די נשמה זיינע דרייעט זיך ארום פאר די פמליא של מעלה מיט די טענות און גיבעטען, ביז די נשמה איז געקומען דעם טאג פארדעם הייליגען „בעל שם טוב״ זכותו יגן עלינו, און זי האט געזאגט אז דעם טאג איז זייער נייטיג איהר מתקן צו זיין און אויפברענגען איהר אין דעם ארט פון מקור הנשמות בגנזי מרומים און אזוי האט דער הייליגער „בעש״ט״ געטאהן דארום האט ער געהייסען מאכען דעם טאג אזוי ווי ראש חודש ווי ס׳איז אויבען בעשריבען, און איצט מיינע קינדער זעהט צו די מורא׳דיגע זאך וועט איהר זיך וויסען צו היטען אייערע נשמות מיט די גופים, איהר זאלט גארנישט פרובען אנהייבען ארויף צו גיין אויף אזעלכע מדרגות וואס זענען העכער פון אייערע מדרגות און אייער בעשטאנד, און איהר זאלט חלילה נישט פארלאזען די תורה הקדושה חלילה אפילו איין רגע פאר די בעסטע זאך פון די וועלט, איהר זאלט אייך ניט איינרעדען אין אייערע הערצער אז עטץ זענט אויך פון די גרויסע „בני עליה״ ס׳איז שוין גענוג פאר אייך קנאפ=לערנען חלילה ווארום דאס איז נאר א עצה פון יצר=הרע וואס

וויל

ווייל אייך אוועקשטויסען איננאנצען פון ביידע וועלטען איהר בדארפט בייזעכנען וואס וועט זיין דעם לעצטען טאג, ווארום די גמרא זאגט „תלמוד תורה כנגד כולם" לערנען תורה בייזשטעהט אנטקעגען אלע גוטע זאכען פון די וועלט, נאך זאגט די גמרא „וכל החפצים לא ישוו בה אפילו חפצי שמים" עס שטייט אין פסוק אז אלע זאכען זענען ניט גלייך מיט די תורה, מיינט מען אפילו זאכען וואס זענען נוגע אין הימעל דאס איז מצות ומעש"ט זיי זענען אויך ניט גלייך מיט די תורה נאך זאגט די גמרא „למה נמשלו בני אדם לדגים שבים" פארוואס זענען אין פסוק גיגלעכינט מענשען צו פיש פון ים. „מה דגים שבים כיון שפורשין מן המים מיד מתים אף בני אדם כיון שפורשין מן התורה ומן המצות מיד מתים" אזוי ווי די פיש אז זיי שיידען זיך אוועק פון די וואסער שטארבען זיי באלד אב, אזוי מענשען אז זיי שיידען זיך אב פון תורה ומצות שטארבען זיי באלד אב, ווארום די גמרא זאגט „רשעים בחייהם קרוים מתים" די רשעים אפילו פאר זייער לעבען הייסען זיי אויך מתים חאטש דוא זעהסט זיי לעבען און עסען און טרינקען, זייער לעבען איז אבער ווי א בהמה זי עסט אויך און טרינקט אבער דאס מענשליכקייט וואס קאן נאר מעגליך זיין אז עס גייט על פי דרך התורה, דאס ווערט ביי די רשעים אין גאנצען אב=געשטארבען, דרום זעהט מיינע קינדער שטענדיג מלחמה צוהאלטען מיט דעם יצר הרע, און היט נאר אב די הייליגע תורה אליינט עטץ זאלט אייך ניט אוועק קערען רעכטס און לינקס פון די דריי זיילען וואס די וועלט שטייט אויף זיי, תורה, ועבודה, וגמילות חסדים, און דער „רבונו של עולם" זאל געבען אז מיר זאלען אלע זוכה זיין צו לערנען און דאבינען און טוהן מצות ומעשים טובים שטענדיג בייטאג און ביי נאכט לשמה. ווען מיר זוכה זיין אין דעם זכות אז דער „גואל צדק" זאל קומען במהרה בימינו אמן.

א מעשה נוראה ונפלאה פון הייליגען גרויסען „בעל שם טוב" זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

אין די פריהערדיגע צייטען ווען דער הייליגער „בעל שם טוב" איז נאך געווען פארבארגען און האט זיין גרויסקייט ניט ארויס געוויזען האט מען איהם אמאל געזאגט פון הימעל אז עס איז שוין געקומען די צייט אז ער זאל זיך ארויסווייזען אויף די וועלט און זאל טאהן זיין גרויסע און הייליגע עבודה „בריש גלי", כדי ס'זאל צו איהם קומען אסאך מענשען און זאלען זיך פון איהם אבלערנען תורה

מיט

מיט יראת=שמים, נאר מ'האט איהם געזאגט פון הימעל אז איידער ער גייט זיך ביוויזען אויף די וועלט, זאל ער פריהער גיין משמש זיין איין גרויסען און הייליגען מענש און דערנאך וועט ער זיין בכח צו פיהרען זיין הייליגען וועג אנטפלעקטערהייט, האט ער אהן געפרעגט אין הימעל ווער איז דאס דער גרויסער מענש וואס ער זאל וויסען צו גיין צו איהם משמש זיין, האט מען איהם געענטפערט גייא און זיך וועסטו געפונען, וויא דער „בעש"ט" האט דאס דערהערט האט ער זיך גאר ניט פארזאמט און האט באלד אנגיהויבען מאכען זיין וועג, און איז געגאנגען מיט „זריזות" פון שטאדט צו שטאדט און פון דארף צו דארף ביז ער איז איינמאל אריינגעקומען אין א גידעכטען וואלד זייער אגרויסען מיט פיהל גראבע בוימער וואס ער האט שוין ניט גיוויסט קיין וועג אריין און ארויס פון איהם, אויך איז דענסטמאל געוועזען אגרויסער שניי בדעקט דער גאנצער וואלד, און דער פראסט מיט די קעלט האט זיך גישטארקט וואס אמאל מעהר; ביז ער איז געבליבען דארט אין אגרויסע סכנה, און צו דעם איז ער געוועזען זייער מיד און האט שוין פון לאנג ניט געהאט גיגעסען און גיטרינקען אז ס'איז שיעור די נשמה פון איהם ארויס, אויך איז דענסטמאל געווארען פונקט נאכט ס'איז געווארען פינסטער ער איז גיבליבען שטיין דערציטערט און פארווונדערט וואס קען ווערען דערפון,

וישא עיניו, ער האט אויף געהויבען זיינע הייליגע אויגען און האט דערזעהן פון דערווייטענס לייכט זיך אקליין ביילייכטונג פון זעהר אנידריג הייזעל, האט ער זיך אנגעהויבען זייער צופרייען, אבער אזוי ווי אפיל פון בויגען איז באלד אנטלאפען געווארען פון איהם די שמחה, ווארום ער האט גערעכנט אז דא איז געוויס אוואהנונג פון גזלנים וואס רויבען און הארגענין מענשען, דארום וואהנען זיי טיף אין וואלד מען זאל זיי נישט געפונען, נאר פון דעסטוועגען האט ער זיך געשטארקט מיט זיין גרויסען מדת בטחון, און האט געזאגט אז מען זאל וועלין אין הימעל אז איך זאל חלילה געהרגעט ווערען וואלט מען מיר נישט געזאגט אז איך זאל גיין משמש זיין איין גרויסען מענש, „כי מפי העליון לא תצא הרעות" ווארום פון „רבונו של עולם" גייט נישט ארויס קיין שלעכטץ אויף דעם מענש, דארום האב איך גאר ניט וואס מורא צו האבען, „וישא את רגליו" ער האט אויפגעהויבען די פיס און האט אנגעהויבען צו צוגיין אהין מיט אגרויסען רעש, ביז ער איז צו געקומען צו די שטוב וואס ס'האט זיך ארויס געלייכט פון דארטען. ער האט אויפגעפענט די טהיר האט ער דערזעהן איין אלטען גראז גראהער מאן, א נשוא=פנים זיצט ביי איין רמב"ם איינגעטיפט מיט די געדאנקען אין די אויגען האלטענדיג איין ספר, איז ער געבליבען שטיין מיט גרויס מנוחה און פרייד וואס האט אריין געטראפען צו איין מענש וואס זיצט און לערינט תורה, נאר ס'איז איהם נאך ניט אויפגעקומען אויפ'ן געדאנק אז דאס זאל זיין דער מענש וואס ער זיכט

זיכט. אָבער באַלד אין אַ רגע האָט דער מענש פֿון וואַלד געגעבען אַקוק אויף דעם „בעל שם טוב" און גלייך געזאָגט צו איהם מיט דעם לשון „ישראל" (דער בעש״ט האָט באמת אַזוי גיהייסען מיט דעם נאָמען וואָס שטייסטו לייזיג דו ביזט דאָך אַהערגעקומען צוליב משמש זיין דאַרום גיי טוהן דיין עבודה הייץ איין דעם אויווען מיך צו דערוואַרמען דער בעש״ט האָט דאָס דערהערט האָט ער געשווינד געפֿרעגט ווי איז דאָ האָלץ איינצוהייצען, האָט דער מענש געענטפֿערט גיי אַריין אין דעם קעמריל וואָס ס'איז דאָ אַנטקעגען איבער און נעהם דיר האָלץ וויפֿיל דו ווילסט, דער בעש״ט האָט זיך גאָרניט פֿאַרזאָמט צוטוהן וואָס דער מענש האָט איהם געהייסען, וואָרום זיין גאַנץ קומען אַהער מיט זיינע אַלע סכנת=נפשות'ן איז דאָך אַלץ געווען צוליב דעם איבער=דעם האָט ער גיטאָהן זיין עבודה מיט גרויס אמונה. און האָט באַלד אַריין גיבראַכט אין שטוב אַריין פֿון קעמריל דאָס גאַנצע האָלץ וואָס דעם מענש'ס וויב האָט אָנגעגרייט אויף דעם גאַנצען ווינטער און האָט זייער פֿיל איין געהייצט דעם אויווען אַז ווען ער וואָלט נישט געווען פֿעסט געבויט אַזוי ווי די דאָרפֿ'ס אויווענס וואָלט ער זיכער גיפּלאַצט און איינגעפֿאַלען אויף שטיקלעך, נאָר פֿון דעסטוועגען איז דער אויווען אַדורך געפּלאַצט געוואָרען פֿון איין עק ביז דעם צווייטען און דער „בעש״ט" ווי ער האָט געהאַלטען אין מיט אַרבייט איז ער פֿון מידעקייט גיגעבען אַפֿאַל אַנידער אויף די ערד מיט אַזאַ רעש אַז די בעל=הבית'טע האָט זיך פֿון דעם קול אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף און איהר האָט זיך געדאַכט ווער ווייסט אויב ס'איז נישט איינגעפֿאַלען די בעלקעס פֿון שטוב און ס'איז געוואָרען פֿון זייא שטיקלעך, נאָר דער בעש״ט וויל ער איז געווען זייער מיד איז ער אַזוי אַנטשלאָפֿען געוואָרען אויף די ערד פֿאַר דעם אויווען ביז טאָג, און די בעל=הבית'טע האָט זיך געוואָלט אויף הויבען זעהן וואָס דאָ האָט זיך געטראָפֿען נאָר וויל ס'איז געווען זייער פֿינסטער האָט זי זיך ניט גיזעהן אויפֿצוהייבען, איבער דעם איז זי אַזוי גילעגען ביז טאָג מיט פֿיל צער און עגמת נפש וואָס זיא קען ניט וויסען וואָס ס'האָט זיך געטראָפֿען ביי איהר אין שטוב, און זי האָט נישט גיקענט איבער דעם איינטשלאָפֿען ווערען ביי קיין אופן.

ויהי בבוקר ס'איז געקומען אין די פֿריה די בעל=הבית'טע איז אויפֿגעשטאַנען פֿון בעט, איז זי אַריינגעגאַנגען מיט גרויס געשווינדקייט אין איהר מאַן'ס חדר אַריין, האָט זי דערזעהן ווי איין מורא'דיגער מענש שלאָפֿט נעבען אויווען, און דער אויווען איז זייער קאַכעדיג אַז קיין האַנד קען בשום אופן ניט אָנריהרען, אויך אין די שטוב איז די היץ זייער גרויס אַז ס'איז ניט מעגליך דאָרט איינצושטיין ס'איז נאָך קיינמאָל אַזוינס נישט געווען צייט די שטוב שטייט דאָ נאָר די בעל=הבית'טע האָט גירעכינט אַז דער מענש וואָס שלאָפֿט דאָ ביי דעם אויווען איז אַ ודאי זייער אַרייכער מאַן און איהר מאַן'ס אַגוטער פֿריינד

און

און ער איז ביינאַכט אַהער געקומען און האָט דערזעהן די גרויסע קעלט וואָס הערשט אין שטוב האָט ער רחמנות גיהאַט אויף זיין חבר און האָט אַזוי שטאַרק איינגיהייצט דעם אויוועז פון זיין האָלץ כדי אָנצוטאָהן אַ נחת רוח איהר מאַן דעם „צדיק", און דאָס איז געוועזן דער רעש וואָס מען האָט געהערט אין מיטען די נאַכט אַזוי האָט זיך איהר געדאַכט, אָבער ווי זי איז אַריינגעגאַנגען אין קעטעריל נעמען אַביסעל האָלץ אָבצוקאָכען עפּיס עסען, האָט זי געזעהן אַז עס געפונט זיך שוין נישט דאָרטען אפילו איין האָלץ אויך איז זי געבליבען שטיין זייער דערציטערט זי האָט נישט געוויסט וואָס טוהט זיך מיט איהר וואָרום וואָס וועט זי טוהן אַגאַנצען ווינטער אין די מורא'דיגע קעלטען און מיט וואָס וועט זי קאָכען אַלע טאָג דאָס עסען עס קומט אויס צושטאַרבען פאַר קעלט און פאַרהונגער חלילה איבערדעם איז זיא אַריינגעלאָפען מיט גרוים כעס צו איהר מאַן דער „צדיק", און האָט אָנגעהויבען צו שרייען וואָס האָסטו געטאָהן האָסט פאַרברענט דאָס גאַנצע האָלץ, ווי וועלען מיר נעמען האָלץ אַגאַנצען ווינטער עס קומט אויס צושטאַרבען חלילה, האָט דער מאַן איהר געענטפערט וואָס ווילסטו פון מיר דער מענש וואָס ליגט ביי דעם אויוועז האָט דאָס אַלעס געטוהן, איז זי צו געגאַנגען צו איהם און האָט אָנגעהויבען צו שרייען מיט אַביטער קלאָגענדיג קול ביז ער האָט זיך אויפגעחאַפּט פון שלאָף, האָט ער דערזעהן ווי איין אשה שטייט נעבען איהם און קלאָגט און ביטערט, ער האָט גאָרניט געוויסט וואָס דאָס איז און וואָס דאָ איז געוועזן, האָט ער זיך געשווינד אויפגעהויבען און איז באַלד אַנטלאָפען אַרויס אין וואַלד אַריין, וואָרום ער איז זייער דערשראָקען געוואָרען און איז וואָס אַמאָל מעהר געלאָפען, חאָטש ער איז אַלע מאָל געפאַלען איבער די בוימער און גריבער פון וואַלד ביז ער האָט כמעט פאַרלוירען זיין גאַנצען כח, און ווי די אשה האָט געזעהן אַז איהר בייטריבער איז אַנטלאָפען און איז אַנטרינען געוואָרען איז זי צו געלאָפען מיט גרוים כעס און פאַרביטערקייט צו איהר מאַן דעם „צדיק" און זי האָט איהם געוואָלט שלאָגען פאַר וואָס ער האָט דאָס דערלאָזט, איז ער אויך אַנטלאָפען און נאָך געיאָגט געשווינד דעם הייליגען „בעש"ט" און האָט איהם דערגרייכט.

ווי זיי ביידע האָבען זיך בעגעגענט צוזאַמען, האָט זיך אָנגערופען דער „צדיק" פון וואַלד צום הייליגען „בעל שם טוב", זעה נאָר זעה וואָס אַשלעכטע אשה טוהט אָן דעם מאַן זי איז איהם מבטל פון זיין גרויסע עבודה אָהן אַשיעור הער אויס מיין גוטער פריינד „ישראל" וואָס איך וועל דיר פאַרציילען, די נאַכט פריהער בין איך שטאַרק איינגעשלאָפען וואָרום איך בין שוין פון לאַנג ניט געשלאָפען איז דענסטמאָל מיין נשמה אַרויפגעגאַנגען זייער הויך אין די הויכע הימלען, און ווי איך בין מיר אַזוי אַרום געגאַנגען מיט געטליכע

תענוגים אהער און אין די הימלען. איז פלוצלינג געווארען דארטען זייער אגרויס ליכטיגקייט וואס האט פארלויכטען אלע וועלטען אהן א סוף און אהן א שיעור, ביז איך האב געמוזט פאר מאכען פעסט מיינע אויגען, און איך האב ניט געקענט זיי עפענען ווארום איך האב מורא גיהאט איך זאל נישט בלינד ווערען פון די שטראהלען ליכטיגקייט וואס האט גילעכערט מיינע אויגען, אין דעם האב איך געטראפען שטיין דארטען א מלאך האב איך איהם געפרעגט וואס איז דא פלוצלינג אזוי ליכטיג געווארען, האט ער געענטפערט אז דאס איז א נשמה פון אגרויסען צדיק זייער א הייליגער מענש וואס האט געטאהן אלע מצות ומעשים טובים, אין אלע יאהרען וואס ער האט גילעבט אויף די וועלט מיט גרויס מורא און ליבשאפט צום „רבונו של עולם", און ער איז איצט נפטר געווארען און געקומען ארויף אהער אין הימעל ארייז און זיין נשמה לייכט אזוי אין אלע וועלטען, וואהל איז איהם און וואהל איז זיין חלק אויף אלע וועלטען, ווי איך האב דאס דערהערט האב איך מיך זייער געפרייט אז אפילו אין אונזערע דורות האבען מיר זוכה געווען צו האבען אזא גרויסען צדיק וקדוש וואס האט שטענדיג גיטאהן א נחת רוח כביכול צום בורא יתברך. פלוצלינג ווי איך בין אזוי געשטאנען און מיט דעם מלאך גירעדט איז אין א רגע פארשווינדען געווארען דאס גאנצע ליכטיקייט. האב איך געפרעגט דעם מלאך וואס איז דא עפעס געווארען אין איין רגע. האט ער מיר גיענטפערט אז די זעלבע נשמה איז איצט גענומען געווארען צום „בית דין של מעלה" אבצוגעבען „דין וחשבון" אויף אלע מעשים וואס זיא האט געטאהן אויף די וועלט, ווארום דא אין הימעל איז מען קיינעם נישט „נושא פנים", האב איך מיר גיטראכט אז ס'איז יא אזוי וויל איך טאקי וויסען וואס ס'וועט ווערען גיטאהן ביי אזא משפט פון אזא גרויסען מענש, בין איך נעגאנגען און האב מיך אנידער געשטעלט ביי די טיהר פון גרויסען „בית דין של מעלה" הערען ווי אזוי דא וועט צו גיין. האב איך דערהערט שטארקע הויכע קולות פון אלע פיער זייטען פון הימעל וואס מ'האט אויסגערופען מיט אגרויסען רעש ווער ס'האט עפים א זכות פאר די נשמה „פלוני בן פלוני" זאל ער אהער ברענגען, האט מען אנגעהויבען צוברענגען זכותים פון אלע זייטען אהן שיעור און אהן ערך אזוי ווי עס פאסט פאר אזא גרויסען מענש ווי ער איז, דערנאך האט מען ווייטער אויסגערופען ווער האט עפים צו לערנען אחוב אויף די נשמה זאל ער אהער קומען, ס'איז אבער קיינער נישט געקומען, דערום האט מען שוין געוואלט אבפסקענען זיין דין צום גוטען און [illegible] גלייך גיין אין גן-עדן ארייז, דערווייל האבען מיר דערהערט א שרעקליך הויך קול הינטער אונז וואס האט געשריגען ווארטעט נאך אויף מיר אויך א ביסעל, ווארום איך האב נעגוג און נעגוג צו זאגען חוב אויף איהם, ער איז נאך נישט קיין צדיק וישר אין אלע זאכען, איך בין שיעור געפאלען אונטער זיך פון מורא'דיגען הויכען קול און

פון

פון דעם פארכדיגען געשטאלט וואס איך האב פאר מיינע אויגען דערזעהן איך האב נאך קיינמאל אזא מורא׳דיג גישטאלט ניט געזעהן די פים זיינע האבען דערגרייכט ביז צו די ערד און דער קאפ ביז צו די הויכסטע הימלען אז איך האב גארניט געקענט דערזעהן זיין עק, דער מלאך איז צוגעקומען און האט זיך אנידער געשטעלט פאר „בית דין של מעלה" און האט אנגיהויבען צו זאגען. איהר זאלט וויסען אז דער מענש איז ניט געוועזן שלם ווי עס בדארף צו זיין אין די מצוה פון צדקה ווארום ווען ער האט געגעבען צדקה צו איין ארימאן איהם מחזיק צו זיין, האט ער נישט גיגעבען מיט מורא און ליבשאפט צום „רבונו של עולם" אזוי ווי אזא גרויסער מענש בדארף צו טאהן אזא חשוב׳ע מצוה, נאר ער האט פראסט גיגעבען אהן א שום כוונה „לכבוד שמים". איבער דעם איז מיין דעה אז „בית דין של מעלה" זאל איהם בייששטראפען אז ער זאל נאך אמאל מגולגל ווערען אויף די וועלט און זאל שוין טוהן מצות צדקה מיט „יראה ואהבה", און אז ער וועט אויסלעבען זיינע יאהרען דעמאלס אז ער וועט האבין גיגעבען צדקה אזוי ווי עס בדארף צו זיין, וועט ער דענסטמאל קומען אויף זיין הויכען ארט אין גן=עדן אריין, אבער נישט איצט אז ער איז נאך ניט בשלימות מיט אלעמען. האט „בית דין של מעלה" געפרעגט דעם צדיק פארוואס האסטו ניט געטאהן באמת די מצות צדקה ווי עס דארף צו זיין, האט ער גיענטפערט אז ער האט גיהאט איין „אשה רעה" זי איז זייער א שלעכטע געוועזן, אז זי האט זיך אמאהל דערוויסט אז ער האט גיגעבען צדקה א ארימאן אפילו איין פרוטה, האט זי איהם פארביטערט זיין לעבען זי האט איהם צומישט זיינע גידאנקען און זי האט געשאלטען און גיזידעלט מיט די מיאוס׳טע קללות און זלזולים ער האט פאר איהר מורא געהאט ווי פאר איין חיה=רעה און ווי פאר ברענדיגע שלאנגען מיט עגדיסין איבער דעם אז ער האט גיגעבין צדקה האט ער זיך בייהאלטען, און האט זיך זייער געהיטען אז זי זאל דערפון נישט דערוויסען זיך, איבער דעם פלעגט ער געבען דעם ארימאן מיט גרוים שרעק און בהלה אז ער פלעגט אין גאנצען פארגעסען צו ער לעבט אבער ער איז געשטארבין, היינט ווי אזוי האט ער בכח געהאט צו געבען צדקה מיט יראה ואהבה, ווי „בית דין של מעלה" האט דאס דערהערט האבען זיי זיך אנגערופען צו דעם מלאך=חבלה איצט וואס ענטפערסט די אויף זיינע רייד, דו זעהסט דאך אז ער טעני׳ת רעכט ער איז זיך מתנצל אז ער האט גיהאט א אשה רעה האט ער דאך קיין עצה נישט געהאט, האט דער מלאך=חבלה גיענטפערט מיט זייער א מורא׳דיג און רציחה׳דיג קול, האט דען די תורה געמאכט א אונטערשייעד צווישען איין מענש און צווישען צווייטען, איז דען א חילוק על פי התורה צו מען האט א אשה=טובה אבער א אשה=רעה, די תורה האט מען געגעבען פאר אלע מענשען גלייך אז זיי זאלען איהם מקיים זיין מיט אלע פרטים ודקדוקים סיי מ׳האט א אשה=כשרה און סיי מ׳האט

תהילים

חלילה א אשה רעה, עס איז נישט דא קיין שום תירוץ ביי דעם.

ויהי ס'איז געווען ווי איך האב דערזעהן אז עס האלט שוין דערביי אז „בית דין של מעלה" גייט שוין אפ פסקנען זיין דין צום שלעכטען אז ער מוז מגולגל ווערען איבער די טענה פון מלאך=חבלה האב איך מיר שוין נישט געקענט איינהאלטען און איך האב געזאגט ווער ווייסט וואס וועט זיין אז ער וועט שוין נאכאמאל מגולגל ווערען ס'קען דאך זיין אז ער וועט נאך ערגער זיין ווי איצט, קומט אויס אז דער משפט פון גלגול איז פאר איהם זייער א גרויסע סכנה, איבער דעם האב איך מיר גיטראכט זאל זיין אויף מיר וואס וועט זיין איך קען שוין בשום אופן נישט שווייגען, איך האב אנגעהויבען צו שרייען מיט א ביטער יאמערליך קול הייליגע „בית דין של מעלה" הערט נאר אויס א פאר ווערטער וואס איך וועל דא זאגען פאר אייך, ווי אזוי קען דאס א מלאך משפט'ן און זאגען אז דאס וואס ער פארענטפערט זיך מיט דעם וואס ער האט נעבעך געהאט א אשה=רעה איז ניט קיין ריכטיגער תירוץ, האט דען א מלאך אמאל געהאט איין אשה און ער ווייסט אז מען קען זיין א צדיק וישר מיט אלע פרטים ודקדוקים אפילו אז מען האט א אשה=רעה די הייליגע חכמים האבען דאך געזאגט „אל תדין את חבירך עד שתגיע למקומו" דו זאלסט נישט משפט'ן דיין חבר ביז דו ביזט אויך געווען אויף זיין ארט און דו האסט זיך בעסער אויפגעפיהרט, איבער דעם זאג איך אזוי מען זאל דעם מלאך=חבלה ביישאפען מיט א גוף און איהם אראבשיקען אויף די שפל'דיגע וועלט און געבען איהם א אשה=רעה, און אויב ער וועט זיך יא פיהרען אין גוטען וועג מיט אלע פרטים דענסטמאל וועט ער קענען דן זיין דעם מענש מיט דעם ביטערען עונש גלגול, און אויב נישט האט דער מלאך מיט איהם קיין שום טענה און אזוי איז געווען ווארום דאס גאנצע „בית דין של מעלה" האבין געזאגט אז איך בין גערעכט.

דאס „בית דין של מעלה" האט אזוי געטאהן און ביישאפען דעם מלאך אין א גוף פון די שפל'דיגע וועלט, און מען האט איהם געגעבען א אשה=רעה און מ'האט איהם אויסגעזעצט צו זיין מיט איהר פונפצעהן יאהר און זי האט איהם זייער שלעכט געמאכט אז עס איז כמעט נישט געווען נאך אזא רשע אין דור ביז „בית דין של מעלה" איז גענייט געווען אוועקנעמען איהם פון די וועלט פאר די צייט פינף יאהר פריהער, ווארום אז ניט וואלט ער חלילה געקומען צו דעם ער זאל לייקענען אין רבונו של עולם דורך די אשה רעה רחמנא ליצלן.

מיט די ווערטער האט דער „צדיק" פון וואלד געקאנטשעט די מעשה און האט זיך אבגערופען צום „בעל שם טוב" זכותו יגן עלינו איצט גייא זיין מדריך די יודען אויפן אמת'ן וועג און פיהר זיי ביד רמה און האב ניט קיין מורא פאר קיין שום זאך אין דיא וועלט די זאלסט מזהיר זיין דעם עולם זיי זאלען זיך היטען פון א אשה=רעה

אז

אז ס׳וועט קומען צו אזאך פון תורה אדער א מצוה זאלסטו נית הערין חלילה איהר שלעכטע עצה, און זאלסט זיך נית מיט איהר אבגעבען אסאך ווארום דאס קען דיך ארייננציהען אין שאול תחתיות חלילה און נישט דוקא מיט איין אשה נאר אפילו מיט מאנסבילען וועלכע זענען משוקע אין די תאוות פון דער וועלט זיי הייסען אויך בחי׳ נשים און מען טאר מיט זיי קיין סאך נית רייד׳ען, און צו הערען זייערע עצות די נארישע טאר מען בודאי נית, נאר מען בדארף זיך בייהעפטען מיט אזעלכע מענשען וואס זיי לערנען תורה און דינען דעם ״רבונו של עולם״ און מיר זאלען טאקע זוכה זיין צו דינען דעם ״רבונו של עולם״ תמיד מיט פיהל נוטס ביז אייביג אמן

אמעשה נורא פון אונזער גרויסען הייליגען צדיק רבינו בעל שם טוב זצ״ל.

אין שבת וואס איז בין כסה לעשור אין דעם יאהר תקי״ז לפ״ק האט זיך אונזערער הייליגער בעש״ט גילייגט אביסעל שלאפען שבת נאך די סעודה של שחרית כנהוג, און די רביצ׳ן די צדיקת מרת חנה זצ״ל האט זיך אויך אנגילעהנט אביסעל אויף איהר בעט, אין א שעה אנדערהאלבען ארום, איז די רבי׳צין אויף געקומען פון שלאף, וויל זי האט דערהערט איהר מאן שרייען זייער אין מיטען שלאף, האט זיך די רבי׳צין געשווינד אנגעטוהן און איז צו גיגאנגען צו דעם בעט ווי איהר מאן דער בעש״ט איז געשלאפען. און זי האט איהם גיוועקט ישראל, ישראל, איז ער אויף געקומען פון שלאף, האט זיא איהם גיפרעגט פאר וואס האסטו אזוי געשריגען אין שלאף? וואס איך האב נאך דאס פון דיר קיין מאל נית גיהערט, אז דו זאלסט אזוי שרייען פון שלאף און עס איז דאך היינט שבת. האט ער איהר גע־ענטפערט דו האסט זייער גוט געטוהן וואס דו האסטן מיך איבער גיוועקט, ווען נית וואלט איך גיקענט חלילה אויסען בלייבען אזוי אויף מיין בעט, און דער רבי האט תיכף זיך גיוואשען און האט זיך אנ־גערופען אז מען זאל רופען זיינע לייב מענשען וועט ער זיי דערציילען וואס ער האט גיזעהן אין די עולמות עליונים גלייך ווי וואכעדיגערהייט זענין תיכף געקומען צו איהם זיינע מענשען די אנשי השם גרויסע הייליגע מענשען האט ער צו זיי אזוי געזאגט בזה הלשון, דאס איז ידוע אז יעדען שבת ביי די שטילע שמונה עשרה פון מוסף און מיין נשמה געהט אויף דורך מיינע יחודים אין דעם עולם העליון וויזט מען מיר אין עולם העליון הייליגע נשמות און די ישיבה של מעלה זענין עוסק אין די פנימיות פון די סודות התורה, און מען גיט מיר רשות צו הערין און איך זאל דאס מאכען לערנין אויף די וועלט צו מיינע תלמידים.

און אביסעל פון דעם בין איך מגלה ביי סעודה שלישית פון שבת פארנאכט.

נאר וויפיעל יאהרין האב איך שוין ניבענקט צו זעהן זיך מיט מיין לייב גוטער פריינד דער בחור ה׳ הרב החסיד ר׳ נחמן קאסיווער וואס ער איז אין עולם עליון, איך האב איהם ניט גיקענט געפונען, האב איך געפרובט דורך יחודים מעלה זיין מיין נשמה אין דעם היכל העליון ווי דער חסיד און צדיק ר׳ נחמן געפונט זיך האב איך ניט גיקענט דארטען גרייכען, ווייל איך האב ניט גיהאט קיין רשות, האב איך מתפלל גיוועזן צו השם יתברך און האב אזוי גיזאגט דו האסט מיר שוין געוויזען דיין גרויסקייט און הייליגקייט אין עולם העליון מיט די הייליגע נשמות, פאר וואס זאל איך ניט זוכה זיין אויך צו זעהן אין עולם העליון דאס היכל פון מיין גוטען פריינד ר׳ נחמן, און איך האב אויך געטוהן צו דעם פעולות מיט שמות הקדושים וואס מיר איז בעוויסט, האב איך גיהאט א תשובה אויב דו וועסט מאכען דעם דאזיגען יחוד וואס מען ווייזט דיר דא, דאמאלס וועסטו האבין די זכייה צו זעהן דעם היכל מיט דעם דאזיגען צדיק הנ״ל, האב איך טאקי דעם יחוד היינט גימאכט האב איך דערזעהן אז איך בין אריין געקומען אין גאר א נייע ארט פון עולם העליון וואס איך האב נאך קיין מאל ניט גיזעהן אזעלכע טהייערע בנינים פון זייער ריין גאלד און טהייערע אבנים טובות, וואס אין די בנינים איז פאר־האנגען זייער גרויסע ברייטע ליכטיגע בתי מדרשים, און אין יעדען בית המדרש איז פיעל מיט תלמידי חכמים, וואס יעדער איינציגער פון זיי קוקט אויס ווי א מלאך אלקים און זיי לערנען יעדער לויט זיין ענין מקרא, משנה, גמרא, ואגדה, עס איז דא אזעלכע וואס זענען זייער גרויסע לומדים מופלגים וואס לערנין סודות התורה און א טייל זאגען נאר תהלים מיט שירים ותשבחות, אזוי איז דא צו הונדערטער טויזענדטער תלמידים אין יעדען בית המדרש, בין איך זייער דער־שראקען געווארען פון זייער גרויסען רעש פון לערנען, האב איך דארט א פרעג געטוהן צו וועמין איז דאס גרויס ארטיגע הייליג היכל האט מען מיר געענטפערט אז דאס איז פון מיין גוטען פריינד דער בחור ה׳ הצדיק ר׳ נחמן קאסיווער האב איך ווייטער געפרעגט ווי זיצט ער אליין האט זיך אויף געשטעלט איין זקן גדול און נשוא פנים, און האט צו מיר געזאגט, נעם דיך אן ביי מיין האנד וועלין מיר געהן אין דעם בית המדרש אריין ווי עס זיצט דער הייליגער רבי אונזערע ר׳ נחמן קאסיווער, ווען איך בין דארטען אריין געקומען, האב איך דער־זעהן אז דאס גאנצע הויז איז פיעל ארום מיט פייער, אזוי ווייט אז מיינע אויגען זענען מיר כמעט טונקעל געווארען אז איך האב שוין באלד ניט געקענט זעהן, האב איך זיך מיט איהם דארטען געזעהן פנים אל פנים, זיין אויס זעהן איז גלייך ווי א מלאך אלקים אנגעטוהן

אין

אין ווייסען איינגעהילט אין א טלית און ער שיינט און לייכט ווי די זוהן פון איין עק וועלט ביז דעם אנדערען עק, האב איך איהם געפרעגט ווער און צו וועמין זענען די אלע תלמידי חכמים וואס איך האב דא געזעהן אין די פיעל בתי מדרשים פון דיין היכל הקודש האט ער מיר געענטפערט מיין געליבטער פריינד, דאס זענען די היילינגע נשמות וואס איך האב זיי מתקן געווען ביי מיין לעבין, דאס זענען נשמות פון היילינגע צדיקים נאר זיי האבען ניט געוויסט דעם אמת'ן דרך ה', האב איך זיי געלערינט דעם דרך הטוב והישר בעיני ה', א טייל פון זיי וואס זענען געווען לומדים מופלגים נאר זיי האבין כופר געווען אין די תורה האב איך זיי מחזיר למוטב געווען, א טייל ווייטער וואס זענען געווען רשעים גמורים און בעלי תענוגי עולם הזה און דורך מיין גוטע שטראף רייד וואס איך האב זיי מוכיח געווען בדרך כבוד אהן בזיון נאר מיט גוטע רייד ביז איך האב זיי מחזיר למוטב געווען, און די דאזיגע זאגען תהלים מיט שירות ותשבחות לפני מלך מלכי המלכים.

דער נאך האט ער צו מיר געזאגט אויב דו ווילסט דא בלייבען אין עולם העליון דער עולם הנצחי, גיעב אוועק דיין נשמה צו דעם מלאך וואס דו ווייסט שוין אליין, וועט שוין ממילא דיין גוף בלייבען א מת אויף די וועלט דער עולם השפל, וועט אפשר דורך אונז ביידע מיט אונזער זכות קענין פועל'ן ביי דעם רצון העליון אז עס זאל שוין קומען די אמת'ע גאולה שלימה, און עס זאל שוין זיין דער קץ פון דעם אידישען גלות, און נאך וועסטו מרויח זיין מיט דעם וואס דו וועסט נישט ברויכען זעהן דעם מלאך המות און אויך נישט טועם זיין קיין טעם מיתה, נאר דו וועסט דא מיט מיר בלייבען, וועל איך מיט דיא אנדערע היילינגע נשמות געהן מיט דיר אין דיין היכל אריין וואס איז פאר דיר אנגעגרייט, און מיר וועלין זיין חברים דא אויף דעם עולם הנצחי, האב איך איהם געענטפערט, אז איך האב זייער חשק איך זאל נקבר ווערין אין ארץ ישראל, ווייל פון ארץ ישראל האט די נשמה א עליה גדולה כידוע, האט ער מיר געענטפערט דאס ער האט געהערט שוין כמה פעמים אין די ישיבה של מעלה אז איך וועל נקבר ווערין אין חוץ לארץ, נאר דער טעם פון דעם האט ער ניט קיין רשות מיר מגלה צו זיין ווייל מיין נשמה איז נאך נקשר מיט דעם גוף, און אויף איהם איז אויך איבער דעם זעלבען טעם הכמוס נגזר געווארען דאס ער זאל נקבר ווערין אין חוץ לארץ, און אויב איך זאל אוועק געבין מיין נשמה צו דעם מלאך ווי אויבען שטייט וועט ער מיר דאס, דעם טעם מודיע זיין.

אז איך האב דאס אלעס אויס געהערט מפיו הקדוש, האב איך זייער חשק געהאט איך זאל טאקי אוועק געבין די נשמה און שוין נסתלק ווערין פון די וועלט, נאר איך האב זייער גיבענקט צו מיין איי-ניגען זוהן און בת יחידה, איך זאל פון זיי נסתלק ווערין אן א שום

צוואה

צוואה און זאָגען זיי די הנהגה, און זאָגען זיי עפּיס פֿון די שפּעטיגע צייטען, און אויך איז גלייכער איך זאָל ניט נסתלק ווערין נאָר פּלוצלינג כּאחד הריקים אַ מיתה חטופה ר״ל, און אויך איז מיר געווען שווער דאָס צו געהן טוהן און זיך אָפּשיידען פֿון מיין חברה, און זיי איבער לאָזען אָהן אַ סדר און הנהגה ווי די וועלט פֿיהרט זיך, דורך דעם אַלעם בין איך געבליבען אַזוי שטעהן און געקלערט און נאָך ניט געוויסט וואָס איהר צו ענטפֿערין, ווי ער האָט געזעהן אַז איך קלער אַזוי און ווייס ניט וואָס צו טוהן, האָט ער אָנגעהויבען מיר שטאַרק מפציר צו זיין, האָב איך אָנגעהויבען דורך דעם זייער ביטער צו וויינען שרייען וויל איך געה אַוועק פֿון מיין ווייב און קינדער און אייניקלעך וּבפרט פֿון מיין הייליגער חבריא, נאָר די נשמה מיינע איז נאָך געווען נקשר אין מיין גוף, און ווען נישט מיין ווייב וואָס האָט מיך איבער געוועקט, האָב איך שוין געהאַט בּדעה מסכּים צו זיין צו די עצה פֿון מיין פֿריינד דער צדיק ר׳ נחמן קאָסיווער, און טוהען ווי ער האָט מיר געראַטען, נאָר דער געשריי פֿון מיין ווייב האָט גורם געווען אַז די נשמה איז צוריק אין מיין גוף.

נאָך אוואונדערליכע מעשה פֿון הייליגען רבין רבינו „ישראל בעל שם טוב״ זי״ע.

דער בעל שם טוב הקדוש איז געווען זיין מנהג דאָס ער פֿלעגט זייער לאַנג מאריך זיין ביי שמונה עשרה, און האָט געקענט שטעהן שמונה עשרה עטליכע שעה, און דער עולם וואָס האָט מיט איהם געדאַוועט, וויל זיי איז געווען שווער אַזוי לאַנג צו וואַרטען ביז דער רבי דער בעל שם טוב וועט אויס געהן שמונה עשרה האָט דאָך זיי זייער נע־הונגערט, איבער דעם פֿלעגען זיי תמיד פֿריהער אַוועק צו געהן באַלד נאָך די שמונה עשרה, און האָבען עפּעס טועם געווען און זענען צוריק געקומען אין בית המדרש אַריין פֿלעגען זיי נאָך טרעפֿען דעם בעל שם טוב שטעהן שמונה עשרה, אַזוי איז געווען זייער מנהג תמיד, אַ חוץ די גרויסע תסידים און די הייליגע חבריא זיינע זיי זענען קיין מאָל ניט אַוועק נע־געגאַנגען פֿריהער איידער דער רבי האָט אָבגעדאַוונט עס האָט גימענט דויערין ווי לאַנג, איין מאָל האָט זיך געטראָפֿען דאָס די הייליגע חבריא האָבען געהאַט זייער חולשת הלב זענען זיי אויך אַוועק געגאַנגען באַלד נאָך די שמונה עשרה אַהיים עפּעס טועם זיין, און זיי האָבען בערעכינט אַז זיי וועלין נאָך צוריק קומען אין בית המדרש אַריין איידער דער בעל שם טוב וועט אויסגעהן שמונה עשרה, און זיי האָבען טאַקי נאָר ניט געזאַמט זיך נאָר זענען תיכּף צוריק אַריין געקומען, נאָר ווי דערשראָקען זענען זיי געוואָרען ווען זיי זענען אַריין געקומען אין בית המדרש אַריין און געזעהן אַז דער רבי איז שוין אויס געגאַנגען שמונה

עשרה

עשרה, איז דאָס בײַ זײַ געווען אַגרויס וואונדער, און ווײַל בײַ דעם בעל שם טוב איז געווען דער מנהג, אַז ווען מען האָט געזעהן בײַ איהם עפּעס אַפּלא, האָבען איהם זײַן הײליגע חבריא איבער געפֿרעגט, האָבין זײַ איהם דאָס אויך איבער געפֿרעגט, האָט ער זײַ אויף דעם גע־ענטפֿערט אַזוי, איך וועל אײַך געבען אַ משל, זײַער פֿיעל מענשען זענען געשטאַנען בײַ איין גרויסען הויכען בוים, האָט פֿון זײַ אײנער דערזעהן אויף דעם שפּיץ בוים שטעהן זײַער אַ טהײַערער שײנער פֿויגעל און די איבריגע מענשען האָט קײן אײנער ניט געזעהן, האָט דער מענש זײַער חשק געקריגען צו דעם פֿויגעל און האָט גאָר ניט געקענט אַוועק געהן פֿון דעם אָרט אָהן דעם פֿויגעל, נאָר ווײַל דער בוים איז געווען אָבער זײַער הויך איז ניט מעגליך געווען דאָס ער זאָל קענען אַרויף צום פֿויגעל, און קײן לײטער איז אויך ניט געווען, האָט ער זיך אַזוי אַעצה געגעבען, ער האָט צו זאַמען גענומען די אַלע מענשען און האָט זײַ געשטעלט אײנעם אויף דעם אַנדערען, און אַלײן האָט ער זיך אַרויף געשטעלט איבער אַלע און אַזוי אַרום דערלאַנגט צו דעם פֿויגעל, און די מענשען חאָטש זײַ האָבען איהם געהאָלפֿען פֿון דעסטוועגען האָבען זײַ גאָר ניט געוויסט פֿון דעם פֿויגעל, און אויך דער מענש ווען ער האָט ניט די אַלע מענשען וואָס האָבען איהם געהאָלפֿען נעמען דעם פֿויגעל, וואָלט ער אַלײן בײַ קײן שום אופן ניט געקענט צו קומען צו דעם פֿויגעל, הײַנט ווען דער מענש וואָס איז געשטאַנען פֿון הינטען וואָלט זיך אַוועק געגאַנגען פֿון זײַן אָרט, אין די צײַט ווען דער מענש איז שוין געשטאַנען אויבען בײַ דעם פֿויגעל, וואָלטען דאָך געוויס אַלע מענשען וואָס זענען געשטאַנען איבער איהם דאָרטען אַראָבגעפֿאַלען, און דער מענש פֿון אויבען בײַ דעם פֿויגעל, ניט גענוג וואָס ער וואָלט דעם פֿויגעל ניט בעקומען וואָלט ער נאָך צו דעם אַראָפּגעפֿאַלען און וואָלט צו בראָכען ריק און לענד, אַזוי איז דאָס אויך דאָס זעלבע.

ווען איך שטעה שמונה עשרה איז פֿאַר מיר אָפֿען אַלע עולמות און דער היכל המשיח וואָס ווערט אָנגערופֿען אין זוהר הקדוש קן ציפּור אַזוי ווי עס איז ידוע צו די מקובלים, און מײַן גאַנצער רצון און תשוקה איז נאָר אַרויף צו קומען אין דעם היכל „קן ציפּור" נאָר דער היכל איז אָבער זײַער הויך און עס איז ניט מעגליך מיר דאָרטען אַרויף צו קומען, נאָר דורך אײַך וואָס איהר שטײט נעבען מיר ווען איך בין מתפּלל, דאַמאָלס שטעל איך אײַך אײנעם איבער דעם צווײטען און אַזוי ווײַטער, און איך שטעל מיר אַרויף נאָר אין דער הויך איבער אײַך אַלע ביז איך קום אַרויף אין דעם היכל אַרײַן און טוה דאָרט וואָס איך ברויך צו טוהן קומט דאָך אויס אַז דאָס אַלעס קומט נאָר אַרויס דורך אײַך וואָס איהר שטײט נעבין מיר בשעת שמ"ע, חאָטש איהר ווײסט גאָר ניט פֿון דעם, אָבער הײַנט אַז איהר זײַט אַוועק געגאַנגען פֿון מיר אַהײם בין איך דורך אײַך אַראָפּגעפֿאַלען פֿון דעם הויכען היכל „קן ציפּור" איבער דעם האָב איך שוין ניט געהאַט וואָס צו טוהן און נאָך צו שטעהן שמונה עשרה.

אין

דאס בעווסט ווערין פון הייליגען צדיק דער רבי ר' „אורי מסטרעליסק" זצ"ל.

אין די יונגע יאהרען זיינע פלעגט ער זיין ביי זיין רבין דער צדיק ר' שלמה מקארלין, און אויך איז ער געווען ביי דעם רבין דער צדיק רבינו זאב דער בעל המחבר פון ספר אור המאיר זי"ע, דערנאך האט ער גענומען רשות ביי די רביים אהיים צו פאהרען, איז ער אהיים געפאהרען אין די שטאדט לעמבערג זיין דירה איז געווען אין זייער אקליינעם קעהלער שטוב, פערשטעהט מען דאך אז ער איז געווען אגרויסער אביון און א עני מדוכאה ר"ל, און זיין פרנסה איז געווען פון דעם וואס זיין ווייב האט געהאנדעלט מיט אלטווארג אין גאס, און ער אליין איז געזיצען תמיד אין בית המדרש און האט עוסק געווען אין תורה ועבודה מיט זייער גרויס התלהבות אזוי ווי זיין דרך איז געווען, און צו דעם איז ער אויך געווען א גרויסער הצנע לכת, און אויך אגרויסער עניו ביי זיך, און עס האט פון איהם קיין מענש ניט געוויסט פון זיין גרויסקייט אין תורה ועבודה, איין מאל האט זיך געמאכט און עס איז איהם געבוירען געווארען א בן זכר האט ער מכבד געווען די מצוה פון סנדקאות דעם גרויסען גביר פון דארט דער חסיד המפורסם ר' ליב דיממעליס זצ"ל ווייל ער דער גביר איז געווען א שוואגער פון הייליגען רבין מלובלין זצ"ל, און דער ברית איז געווען אין בית המדרש כנהוג, און נאך דעם יודישען דאס קינד, זענען די אלע געסט אהיים געגאנגען צום בעל ברית אויף די סעודה פון ברית מילה כנהוג, זענען זיי אריין אין דעם קעהלער ווי דער בעל ברית האט געוואהנט און האבען זיך געזעצט ביי דעם טיש צו די סעודה, נאר דער בעל ברית האט אבער גאר ניט געהאט קיין שום זאך מכבד צו זיין דעם עולם, און האט פון דעם קיין שום עגמת נפש ניט געהאט, נאר ער איז זיך געגאנגען אין דעם שטיבעל ארויף און אראפ מיט גרויס דביקות אין השם יתברך כדרכו, גלייך ווי דאס געהערט איהם ניט אן, נאר זיין ווייב די יולדת האט זייער געוויינט איבער איהר בושה וואס זי האט ניט מיט וואס מכבד צו זיין די אורחים, און אז דער בעל הברית דער הייליגער צדיק רבי אורי האט געהערט דאס וויינען און די רייד פון זיין ווייב די יולדת, האט ער זיך אנגערופען מיט א פנים שוחקות און צופרידען די ווערטער, „אז אורי האט ניט וואס מכבד צו זיין דעם עולם, זאל ער זיין קינד ניט מאכען פאר א איד איבער דעם" אז דער עולם האט געהערט פון איהם די רייד וואס זענען ארויס געזאגט געווארען מקירות הלב, האט דאס זיי זייער איבער גענומען און זיי זענען אלע נתפעל געווארען פון זיין גרויס צדקות און גרויס תמימות האבען זיי תיכף געשיקט קויפען בראנפען און פערבייסעכץ מיט עסין און משקאות, און האבען געמאכט א סעודה של מצוה מיט שמחה כנהוג, און דער גביר וואס ער איז אויך געווען אויף די סעודה, האט ער דערקענט אין דעם צדיק ר' אורי אז ער איז א קדוש עליון,

גאר

נאָר ער איז זיך מסתיר פֿאַר די וועלט, איבער דעם האָט צו מאָרגענס דער גביר ר׳ ליב דימעמעליס הנ״ל געפֿרעגט אין בית המדרש דעם צדיק ר׳ אורי ער זאָל איהם זאָגען פֿון וואָס ער איז זיך מפרנס, האָט איהם דער צדיק ר׳ אורי געענטפֿערט אַז זיין פרנסה איז פֿון צוויי קוה וואָס ער האָט, האָט דער גביר ר׳ ליב געמיינט טאַקי אַז ער האָט מילך צו פֿערקויפֿען פֿון זיינע קוה, איבער דעם איז דער גביר צו זיך אַהיים געגאַנגען און האָט געהייסען זיין בני הבית זאָלען קויפֿען פֿון היינט אָן מילך ביי דעם צדיק ר׳ אורי, און אויך צאָהלען עפּיס טהייערער ווי ערגעץ אַנדערש, האָבען זיי טאַקי אַזוי געטוהן און האָבין תיכף געשיקט נאָך מילך קויפֿען צו דעם צדיק ר׳ אורי, אַז דעם גביר׳ס דינסט איז אַריין געקומען צו דעם צדיק ר׳ אורי מען זאָל איהר פֿאַר־קויפֿען מילך האָט זיך דעם צדיק׳ס ווייב אָנגערופֿען צו דעם גביר׳ס דינסט מיט כעס, דו האָסט שוין ניט געהאַט פֿון וועמין חוזק צו מאַכען נאָר פֿון מיר, פֿון וואַנען האָב איך מילך, עס איז שוין כמה יאָהרען ביי מיר אין הויז קיין טראָפּען מילך ניט געוועזען, איז די דינסט צוריק אַהיים געגאַנגען מיט ידים ריקניות, און האָט דאָס דערציילט פֿאַר דעם גביר ר׳ ליב, איז דאָס געוועזען ביי דעם גביר אַגרויסע פלא, צומאָרגענס אַז דער גביר האָט זיך געזעהן מיט דעם צדיק אין בית המדרש, האָט דער גביר געפֿרעגט דעם צדיק ר׳ אורי פֿאַר וואָס ער האָט איהם אָפּ גענאַרט נעכטען אַז ער האָט צוויי קוה וואָס ער איז זיך פֿון זיי מתפרנס.

האָט איהם דער צדיק געענטפֿערט אַזוי, ח״ו איך האָב אייך ניט געזאָגט קיין ליגענד, נאָר דער אמת איז טאַקי אַזוי אַז איך האָב צוויי קוה וואָס איך האָב פֿון זיי פרנסה איין קוה איז „כי בו ישמח לבנו, און די אַנדערע קוה איז „כי בשם קדשו בטחנו״, און פֿון די צוויי קוה איז כל ימי מיין פרנסה, און אַז דער גביר ר׳ ליב האָט דאָס אויסגעהערט האָט ער שוין יעצט געוויסט אויף זיכער אַז דער צדיק ר׳ אורי איז אַ בעהאַלטענער קדוש עליון און אַ גרויסער הצנע לכת, און ער וויל ניט אַז מענשען זאָלען פֿון איהם וויסען אַז ער איז זייער אַגרויסער אביון און וויל ניט אַז מענשען זאָלען איהם געבין פרנסה, איבער דעם האָט דער גביר אָנגעזאָגט זיין ווייב אַז זי זאָל שיקען בהסתר אַז קיין שום מענש זאָל פֿון דעם ניט וויסען צו דעם ר׳ אורי׳ס ווייב אַלע הצטרכות אויף פרנסה, און דער צדיק אַליין זאָל אויך ניט וויסען פֿון דעם, אַזוי האָט זיך געפֿיהרט עטליכע וואָכען און דער צדיק מחמת זיין גרויס דביקות אין השם יתברך האָט ער זיך גאָר ניט אומגעקוקט ביי זיך אין שטוב, און האָט גאָר ניט געוויסט פֿון דעם, אַז דער גביר איז איהם מחזיק זיינע אַלע הצטרכות, נאָר איין מאָל שבת ביי דעם טיש איז דער צדיק געוועזען בדיחא דעתיה, האָט ער געפֿרעגט זיין ווייב פֿון וואַנעט זי נעמט פרנסה אַזוי בריוח, האָט זי געמוזט איהם מודה זיין דעם אמת, אַז דער גביר ר׳ ליב גיט די אַלע הצטרכות איהר, ווי דער צדיק האָט דאָס געהערט האָט ער זיך תיכף נאָך שבת אָנגערופֿען צו זיין ווייב

אזוי

אזוי, איך זעה אז דער רצון פון השם יתברך איז, אז איך זאל פון היינט אהן האבין מיין פרנסה בריוח, נאר אויף אזא דרך צו נעמען ביי מענשען האב איך ניט אזוי געלערינט ביי מיינע רביים, און דער גביר ר׳ ליב דימטעליס וועט ניט זיין מיין משפיע פון פרנסה נאר השם יתברך אליין וועט מיך מפרנס זיין, אזוי ווי עס שטייט „טוב לחסות בה׳ מבטוח בנדיבים״, און האט תיכף געדונגען א וואגען און האט זיך ארויס געצויגען פון די שטאדט לעמבערג אין די שטאדט סטרעליסק וואס זי איז זעקס מייל ווייט פון די שטאדט לעמבערג, און דארטען האט איהם קיין שום מענש ניט געקענט, נאר אין א קורצע צייט ארום ווי ער האט געוואהנט אין די שטאדט סטרעליסק איז ער נתגלה געווארען ביי די וועלט פאר א קדוש, און זיין ליכטיגקייט האט אנגעהויבען צו שיינען אין די יודישע הערצער אריין, און צעהן טויזענדער אידען זענען צו איהם געקומען הערין פון איהם תורה זכותו יגן עלינו ועכ״י אמ״ן

א מעשה נורא פאר וואס מען האט גערופען דעם הייליגען צדיק ר׳ אורי מסטרעליסק זי״ע מיט דעם בעוויסטען נאמען שרף.

איינער פון די קדושים האט דערציילט פאר וואס מען האט גערופען דעם צדיק מסטרעליסק מיט דעם נאמען שרף, דאס איז געוועזען איבער די דאזיגע מעשה, אין א דארף נעבען די שטאדט סטרעליסק האט געוואהנט א אלטער מאן מיט דעם נאמען ר׳ אייזיק ז״ל, און זיין שטייגער איז געוועזען צו פאהרען אויף יעדען ראש השנה צו דעם הייליגען צדיק דער רבי פון לובלין זי״ע, נאר צייט דער צדיק ר׳ אורי איז מפורסם געווארען פלעגט ער דער אלטער ר׳ אייזיק זיין גאנץ ראש חדש אלול ביי דעם צדיק מסטרעליסק, איידער ער איז געפאהרען אויף די ימים נוראים קיין לובלין, און דער צדיק מסטרעליסק פלעגט זיך נוהג זיין כל ימיו אלע מאל אריין צו קומען אין זיין בית המדרש אריין זעהן וואס זיינע מענשען טוהען דארטען, און פלעגט זיך אזוי ארום געהן אין בית המדרש, און דער זקן ר׳ אייזיק וויל ער האט זייער ליב געהאט דעם צדיק מסטרעליסק און איז אויך געוועזען ביי דעם צדיק אגרויסער מקורב דורך דעם האט זיך דער זקן פונה געוועזען פון אלע עסקים און איז תמיד נאר געוועזען ביי דעם צדיק און האט זיך גוט צוגעקוקט צו דעם צדיק, און די צורה פון צדיק איז איהם תמיד געשטאנען פאר זיינע אויגען, האט ער איינגיזעהן, אז דאס געשטאלט פון דעם צדיק מסטרעליסק איז נאר פחד׳יג ווי פון א מלאך אלקים, האט ער זיך אויף דעם זייער פערוואונדערט, נאר ער האט מורא געהאט איהם דאס איבער צופרעגען,

איז

איז געבליבען ביי איהם, אז ווען ער וועט זיין אין לובלין זאל ער דאס דערציילען פאר דעם הייליגען רבין פון לובלין, און צום סוף אז ער דער זקן איז געווען ראש השנה אין לובלין האט ער אין גאנצען פער-געסען און האט דאס גאר ניט דערציילט דעם רבי'ן, אזוי איז א דורך געגאנגען גאנץ יום טוב און ער האט זיך ניט דערמאנט, איז דער זקן ארויין געגאנגען צו דעם רבי'ן זיך געזעגענען און האט שוין געוואלט אהיים פאהרען, האט זיך צו איהם אנגערופען דער רבי פון לובלין אזוי דו ביסט דאך פון נעבין די שטאדט סטרעליסק, איז אז דו וועסט אהיים קומען זאלסטו לאזען גריסען דעם צדיק מסטרעליסק פאר מיינעט וועגען, און דו זאלסט איהם זאגען, אז איך וויים אז ער האט צוויי פנים'ער, ווי דער חסיד דער זקן האט דאס דערהערט איז ער דער-ציטערט געווארען און האט זיך אנגערופען צום רבי'ן איך וויים דאס אויך איך האב דאס זעלבסט אליין געזעהן מיט מיינע אויגען און איך האב דאס געדעכינט איבער צו פרעגען דעם רבי'ן וועגען דעם, האט איהם דער רבי געענטפערט דו שווייג און רעדט גאר ניט פון דעם נאר טוה ווי איך הייס דיך און דו זאלסט איהם אזוי זאגען ווי איך האב דיר געזאגט, אז דער זקן איז אהיים געקומען האט ער תיכף מקיים געוועזן זיין שליחות, און האט איהם דעם צדיק מסטרעליסק אפגעגעבען דעם גריסם פון רבי'ן לובלין און האט איהם אויך געזאגט דאס וואס דער רבי האט איהם געהייסען זאגען, האט איהם דער צדיק פון סטרעליסק געענטפערט, עס איז ניט אזוי נאר פיער פנים'ער האב איך אזוי ווי דער פסוק זאגט אויף די מלאכים „וארבע פנים לאחת" אז פיער פנים'ער האט יעדער מלאך אדער שרף.

דאס בעווסט ווערין פון דעם הייליגען צדיק דער געטליכער מאן דער רבי ר' נטע מחעלים זצ"ל זי"ע.

דער דאזיגער הייליגער צדיק איז געווען אין זיינע יונגע יאהרען א כפוף און דבוק אין דעם הייליגען בעוויסטען צדיק דער רבי ר' אלימלך מליזענסק זצ"ל און ער דער צדיק ר' נטע מחעלים איז געווען א מלמד אין א דארף ביי דעם יוד וואס האט געהאלטען די ארענדע נעבין די שטאדט וולאדאווע און דארט געלערינט מיט זיינע צוויי זוהן, נאר די תלמידים זענען געווען גרויסע עם הארצים, איינם האבען זיי געהאט זייער געמיינע קעפ [illegible] לערנען און בעזונדער האבען זיי גאר ניט געוואלט לערנען נאר ער האט געטוהן זיינס און האט מיט זיי געלערינט גאנץ ערליך ביי טאג און ביי נאכט, און דער צדיק האט זיך דארטען נוהג גיווען

געוועז אז ווען דער בעל הבית מיט אלע זיינע הויז מענשען זענען שוין געשלאפען ביי נאכט, איז ער דאמאלס אויף געשטאנען און האט געטוהן זיין עבודות ה' מיט גרויס דביקות אין השי"ת, און קיין שום מענש האט פון דעם גאר ניט געוויסט, פון דעם קען מען אויך וויסען זיין גרויס צניעות אין עבודה אז דער בעל הבית וואס ער איז געוועזן ביי איהם אזא לאנגע צייט אין זיין הויז האט קיין מאל ניט געזעהן פון איהם קיין שום דבר פלא און עפיס א פרומע תנועה מעהר וויא ביי א געוועהנליכען מענש, און ער האט געהאט דארטען ביי דעם בעל הבית א באזונדער חדר צום שלאפען און האט אויך דארטען געלערינט מיט די קינדער, און ער האט זיך אויך נוהג געוועזן ווען ער איז געזעצען מיט דעם בעל הבית שבת און יום טוב ביי דעם טיש ביי דיא סעודה האבען אלע געמיינט אז ער עסט אויך גלייך מיט אלע מענשען און באמת האט ער זיך נאר גימאכט מען זאל מיינען אז ער עסט און דאס עסען האט ער זיך בעהאלטען אין א טיכעל אריין, און איז דער נאך ארויס געגאנגען, און האט דאס עסען וואס עס איז איהם ניט געפאהלען אוועק געווארפען און דאס איבריגע האט ער זיך בעהאלטען צו עסין ווען ער וועט ברויכען, און קיין שום מענש האט פון דעם גאר ניט געוויסט, און אמאך מאל האט זיך געטראפען ווען ער האט געזעהן אז ער קען דאס עסין ביי דעם טיש ניט בעהאלטען האט ער זיך געמאכט און ער האט געזאגט אז ער איז קראנק און קען ניט עסין, און דערנאך ווען אלע זענען שוין געשלאפען, איז ער אריין געגאנגען צו זיך אין חדר אריין, איז ער יעצט געגאנגען מקבל שבת זיין אדער מעריב דאווינען מיט גרויס דביקות און מיט גרויס שמחה כדרכו בקודש און האט אויך זיך געהאט בעהאלטען משנה לחם צוויי חלות האט ער דערנאך געמאכט קידוש און האט געגעסען די סעודה של שבת אדער פון יום טוב און געזונגען זמירות מיט גרויס קדושה ווי זיין שטייגער איז און די סעודה פון אין דער פריה האט ער אויך אזוי געטוהן, און אזוי האט ער זיך געפיהרט בהסתר גדול זייער אלאנגע צייט.

איין מאל האט זיך געטראפען האט זיך די בעל הבית'טע אין מיטען די נאכט אויף געוואכט פון שלאף האט זי דערהערט עפיס א גערויש אין הויז האט זי זיך זייער דערשראקען און זי האט ניט געוויסט ווער דאס קען זיין, האט זי זיך אויף געהויבען און איז נאך געגאנגען לויט דעם קול ביז זי איז צו געקומען צו די טיהר פון דעם חדר ווי דער מלמד שלאפט דארטען, איז זי געבליבען שטעהן אונטער די טיהר האט זי געהערט ווי דער מלמד איז יעצט מקבל שבת מיט גרויס התלהבות, און פון דעם גרויסען מתיקות פון זיין דאווענען איז זי ערציטערט געווארען און זי האט ניט מעהר געקענט דארטען נאך שטעהן בלייבען האט זי זיך צוריק געלייגט שלאפען, און זי האט פון דעם קיין שום מענש ניט אויס געזאגט, צו מארגענס שבת אין דער

פריה

פריה האָט זי אָנגעהויבען איהם זייער שטאַרק נאָך צו קוקען זײַנע אַלע מעשים, האָט זי אָנגעהויבען יעצט דערקענען אין איהם שיגוים גדולים בײַ זײַן עסין און בײַ אַנדערע ענינים, האָט זי זיך נאָך גאָר ניט גע=מאַכט וויסענדיג און זי האָט נאָך געוואַרט ביז נאָך די בײַטאָגעדיגע סעודה, האָט זי זיך ווײַטער בעהאַלטען אונטער די טיהר פון דעם מלמד'ס חדר, האָט זי ווײַטער געהערט דאָס זעלבע פון נעכטען, האָט זי יעצט פערשטאַנען אַז דער מלמד איז ניט קיין פשוט'ער מענש און ער מוז זײַן אַ איש קדוש און אַ בעהאַלטענער צדיק, איז זי אַוועק גע=גאַנגען פון די טיהר זייער פערוואונדערט, און זי האָט פון דעם שבת אָנגעהויבען איהם זייער שטאַרק נאָך צו קוקען און אַכטונג געגעבען אויף זײַנע אַלע מעשים בסוד עס זאָל קיינער ניט וויסען פון דעם, ביז זי האָט טאַקע איין געזעהן אַז ער איז באמת זייער אַגרויסער צדיק, און איז פרוש פון אַלע תענוגי עולם הזה און איז זיך מסגף מיט תעניתים, האָט זי זיך מיישב געווען אַזוי, זי זאָל דאָס אַלעם דער=ציילען פאַר איהר מאַן און קלערין עפּיס אַ עצה וואָס צו טוהן מיט דעם הייליגען צדיק ווײַל זי איז אויך געווען באמת אַ אשה נגועה, און אַז זי האָט דאָס אַלעם דערציילט איהר מאַן, האָט ער פון אָנהייב אפילו ניט געוואָלט דאָס גלייבען, נאָר אַז ער האָט אָנגעהויבען אַליין איהם נאָך צוקוקען ווי זײַן ווייב האָט איהם דער ציילט האָט ער יעצט גע=זעהן אַז זײַן ווייב זאָגט אמת און האָט ניט קיין טעות, האָבען זיי דער בעל הבית מיט זײַן ווייב זיך מיישב געווען אַזוי, אַזוי ווי אונז ווייסען אַז די גאַנצע אַרבייט פון דעם מלמד איז נאָר בײַ אונזערע בײדע קינדער און ער אַרבייט מיט זיי זייער ערליך און עס איז גאָר ניט בנמצא נאָך אַזאַ מלמד וואָס זאָל אַזוי באמת און אמונה לערנען מיט די קינדער ווי ער, און פון דעסטוועגען זעהן מיר ניט אַז די קינדער זאָלען האָבען עפּיס אַ תועלת פון זײַן לערנען און זיי קענען ניט לערנען זעהן מיר שוין אַז פון די קינדער וועט ניט אַרויס קומען קיין גרויסע לומדים, נאָר עס וועט גענוג זײַן אַז השם יתברך וועט העלפען אַז זיי וועלען קענען לערנען כאָטש אַ פרשה חומש מיט רש"י און קענען אַרײַן קוקען אין אַ מוסר ספר, איבער דעם אַליין ברויכען מיר ניט מבטל זײַן דעם מלמד דעם הייליגען צדיק פון זײַן הייליגע עבודה צו השם יתברך וואָס זײַן האַרץ גלוסט אַזוי זייער, און צוליעב דעם ווײַל ער לערינגט מיט די קינדער אַ גאַנצען טאָג האָט ער דאָך קיין צײַט צו זײַן עבודה, מוז ער דורך דעם זיך פײַניגען און ניט שלאָפען בײַנאַכט, נאָר ער איז עוסק אין זײַן עבודה נאָר בײַנאַכט, על כן איז גלייכער מיר זאָלען איהם שוין ניט מעהר הייסען לערנען מיט די קינדער, און ער זאָל זיך טוהן ווײַטער ווי איהם געפעלט, און זײַן שכר וואָס ער האָט גע=נומען בײַ אונז ביז יעצט זאָל מען איהם ווײַטער געבען, ווײַל אונז ווייסען שוין יעצט אויף געווים אַז נאָר אין זײַן זכות העלפט אונז השם יתברך, און אַזוי האָבען זיי טאַקע באַלד געטוהן און זענען בײדע אַרײַן געגאַנגע

נעגאַנגען צו איהם אין חדר אַריין און האָבען צו איהם אַזוי געזאָגט, איהר זאָלט וויסען אַזוי אַז פֿון אונז קענט איהר זיך שוין נישט מעהר מסתיר זיין, און אונז קענען אייך שוין גאַנץ גוט אַז איהר זייט אַ פֿערבאָרגענער הייליגער צדיק איבער דעם זענען מיר געקומען אייך בעטען אויב איהר ווילט בלייבען וויטער ביי אונז אין הויז קענט איהר זיך בלייבען און קענט זיך פֿיהרען ווי אייער הארץ גלוסט, און עס ועט אייך גאָר ניט פֿעהלען ביי אונז, און כל זמן איהר וועט זיין ביי אונז זענען מיר גרייט אייך צו דינען און אייך מספיק צו זיין מיט אַלע הצטרכות, און אַז איהר וועט האָבען אַמאָל צייט איז גענוג פֿאַר אונז אַז איהר וועט לערנען מיט אונזערע קינדער אַביסעל דברי תורה אָדער דברי מוסר כדי זיי זאָלען זיך אָפּ לערנען פֿון אייך גוטע מדות און וויסען ווי אַזוי עובד צו זיין השם יתברך און אַזוי איז טאַקע געבליבען.

דער נאָך אַז עס איז אַריבער אַביסעל צייט האָבען די דאָרפֿסלייט פֿון דעם דאָרף אָנגעהויבען געוואָהר צו ווערין פֿון דעם מלמד אַז ער איז אַ פֿערבאָרגענער צדיק, האָבען זיי איהם געהאַלטען פֿאַר אַ איש קדוש בּיסלעכווייז האָט מען אָנגעהויבען אין די שטאָדט וולאַדאָווע, וואָס איז נעבען דעם דאָרף זיך צו דערוויסען אַז אין דעם דאָרף געפֿונט זיך אַגרויסער איש קדוש און דערווייל האָט ער זיך געטוהן זיינס און האָט עובד געוועזן השם יתברך מיט גרויס דביקות וואָס אַטאָג מעהר און מעהר, האָט זיך שוין געטראָפֿען אַמאָל און אויף שבת איז געקומען מענשען פֿון די שטאָדט וולאַדאָווע הערין פֿון איהם דברי תורה, בּיסלעכ־ווייז אַלע מאָל מעהר און עס האָט שוין אָנגעהויבען צו קומען אויף אַלע שבת די גרעסטע תלמידי חכמים און די שענסטע יונגע לייט פֿון די שטאָדט וולאַדאָווע בּיז אַזוי וויט דאָס עס האָט זיך געקענט געפֿונען אויף שבת זייער אַגרויסער עולם שוין ניט דווקא פֿון וולאַדאָווע אַליין נאָר פֿון אַנדערע שטעדט ווי זיין נאָמען האָט געגרייכט און דער בעל הבית דער אַרענדאַר האָט איהם אַזוי מחזיק געווען וויטער און האָט די מענשען וואָס זענען געקומען צו איהם מאכיל און משקה געווען און זיי בעדינט, און השם יתברך האָט געהאָלפֿען אין זכות דעם בעל הבית און ער האָט זייער מצליח געווען, און איז געוואָרען זייער אַגרויסער עושר פֿון כל טוב און עס האָט ביי איהם גאָר ניט געפֿעהלט און אַ צייט אַרום איז געקומען צו איהם די אַלע שענסטע מענשען פֿון דער שטאָדט וולאַדאָווע, און זיי האָבען איהם זייער געבעטען אַז ער זאָל זיך אַריין ציהען אין די שטאָדט וולאַדאָווע כדי זיי זאָלען קענען זיין תמיד נעבען איהם, האָט ער זיי צוליעב געטוהן און האָט זיך טאַקע אַריין געצויגען אין די שטאָדט וולאַדאָווע, און דאָרטען איז ער יעצט מפורסם געוואָרען ביי די וועלט, און ער האָט דאָרטען געפֿיהרט זיין נשיאות ברוב גדי עטליכע יאָהר, איז געקומען צו איהם די טובי העיר פֿון די שטאָדט חעלים, און די שטאָדט חעלים איז דאַמאָלס

געוועזן

געווען א עיר וואס בישראל פיעל מיט גדולי תורה מיט צדיקים און זיי האבען איהם געבעטען ער זאל זיך ציהען קיין חעלים, איז דער צדיק ר׳ נטע מרוצה געווארען און האט זיך געצויגען קיין חעלים, און איז דארטען אין חעלים געווארען זייער גרויס און מפורסם ביי די וועלט פאר אגרויסען הייליגען צדיק, און מען איז געקומען פון ארבע פנות עולם פיעל יודען צו איהם הערין דברי תורה.

און אז עס איז אריבער געגאנגען זייער א לאנגע צייט און זיין בעל הבית דער ארענדאר האט שוין געהאט פערגעסען פון די גאנצע מעשה מיט דעם צדיק ר׳ נטע מחעלים, האט זיך געמאכט א מעשה אז דעם בעל הבית האט אנגעהויבען צו געהן שלעכט און זיין מזל האט זיך איבער געקעהרט אויף שלעכט און ער איז געווארען אלע מאל ארימער ביז ער איז געווארען אגרויסער אביון ר״ל און עס איז איהם גאר ניט געבליבען פון זיין גאנץ פערמעגען אמאל זענען זיי דער ארענדאר מיט זיין ווייב געזיצען ביי דעם טיש און זיי האבען געקלערט א עצה וואס זיי האבען צו טוהן זיי האבען שוין געהאט פארקויפט אלעס פון שטוב און האבען גאר ניט געמאכט פון דעם און זיי האבען דאס אלעס אויף געגעסען, און וואס אטאג לענגער ווערען זיי מעהר פארארימט און אין שטוב איז שוין נישטא וואס צו פערקויפען. האט זי דעם בעל הבית ווייב זיך דערמאנט פון די פריהערדיגע יאהרען ווען עס איז געווען אין שטוב פון כל טוב, און ביי זיי האט זיך אויף גע־האלטען דער הייליגער צדיק ר׳ נטע מחעלים, האט זי זיך אנגערופען צו איהר מאן אזוי הער אוים מיין מאן וואס איך וועל דיר זאגען, דו ווייסט דאך א ודאי גאנץ גוט און דו האסט דאך געהערט דאס דער מלמד וואס איז ביי אונז געווען דער רבי ר׳ נטע מחעלים און מיר האבען איהם אוים געהאלטען מיט אלע זיינע הצטרכות מיט דעם גרעסטען כבוד, איז יעצט געווארען א גרויסער צדיק אין די שטאדט חעלים, און איז מפורסם פאר א גרויסען בעל מופת וואס ער העלפט יעדען וואס קומט צו איהם, דעם מיט פרנסה, און דעם אנדערען מיט א בן זכר אדער מיט א רפואה שלימה און דאס גלייכען, און מיר שווייגען נאר אזוי שוין אזא לאנגע צייט, פאהר דו אריבער צו איהם קיין חעלים, און ער וועט געווים געדענקען די אלע טובות וואס מיר האבען מיט איהם געטוהן, וועט ער דיר געווים טוהען א גרויסע טובה און מיר וועלען אין זיין זכות געהאלפען ווערען מיט פרנסה און מיט כל טוב און מיר וועלען ניט ליידען קיין הונגער מעהר, איז דעם מאן דער ארענדאר געפעלען די רייד און די גוטע עצה פון זיין ווייב, און האט אזוי געטוהן און איז אוועק געפאהרען קיין חעלים צום צדיק.

איז ער געקומען קיין חעלים פונקט אין פרייטאג, און דער ארענדאר האט ביי זיך געטראכט אז ווי גיך ער וועט עפענען די טיהר ביי דעם צדיק און דער צדיק וועט איהם דערזעהן, וועט איהם דער

צדיק

צדיק תיכף דערקענען און ווען איהם א קענען געהן און דער צדיק וועט זיך דערמאנען די אלע טובות וואס ער האט געטוהן מיט איהם אזוי האט ער ביי זיך געטראכט, אז ער איז אריין געקומען צו דעם צדיק אין הויז האבען דארטען זייער פיעל מענשען וואס זענען געקומען אויף שבת צום צדיק געווארט אין די פארינדיגע שטוב ביז מען וועט עפענען די טיהר אריין צו געהן צו דעם צדיק שלום נעמען, האט ער זיך אויך געשטעלט צווישען אלע, און ווען מען האט געעפינט די טיהר זענען אלע אויף אמאל אריין געגאנגען און ער אויך האט איהם דער רבי געגעבען שלום גלייך מיט אלע און האט מיט איהם ניט געמאכט קיין שום אנדערע תנועה ווי ביי יעדען, האט ער פון דעם געהאט זייער חולשת הדעת, און עס איז איהם געווען אגרויס חידוש אויף דעם רבי'ן נאר ער האט דן געווען דעם רבי'ן לכף זכות וויל ער איז מוטרד שוין וועגען כבוד שבת קודש, האט ער ניט קיין צייט זיך מיט איהם אפצוגעבען און געבען זיך מיט איהם צו דערקענען, און אז עס איז געקומען פרייטאג צו נאכט'ס ביי דעם טיש, האט דער רבי אויך נישט געמאכט מיט איהם קיין שום טענות נאר ער איז גלייך געזיצען מיט אלע ביי דעם טיש אהן א שום שינוי אזוי איז געווען ביי אלע סעודות, נאך שבת איז דער ארענדאר אריין געגאנגען צום רבי'ן זיך געזעגענען און האט אפגעגעבען א קוויטעל און זיך מזכיר געווען, האט איהם דער רבי אנגעווינשען גלייך ווי יעדען און האט אויך יעצט ניט געמאכט מיט איהם קיין שום שינוי נאר גלייך מיט אלע אפגעזעגענט, יעצט האט זיך דער ארענדאר געשטארקט און איז צו געגאנגען צום הייליגען צדיק, און האט צו איהם אזוי געזאגט רבי! איך האב אייך א קשיא צו פרעגען בעהט איך דעם צדיק ער זאל מיר ענטפערן. האט איהם דער רבי געענטפערט נו פרעג. האט דער ארענדאר געענטפערט דעם רבי'ן אזוי.

מיר יודין זענען אגאנץ יאהר מתפלל און זענען מזכיר זכות אבות ביי יעדע תפלה און מיר בעטען אז השם יתברך זאל אונז העלפען אין זייער זכות, און אז עס קומט די ימים הנוראים זענען מיר נאך מוסיף זכות אבות און מיר זאגען „זכור ברית אברהם ועקידת יצחק" און אזוי איז די גאנצע סליחות נאר מיוסד געווארען אויף זכות אבות אזוי אין ראש השנה זאגען מיר אויך ביי אלע תפלות זכות אבות און גאנץ עשרת ימי תשובה און ביי די תקיעות אין ראש השנה דער-מאנען מיר זכות אבות און מיר לייענען אין די תורה די עקידה אויך צו געדענקען זכות ... און אז עס קומט דער יום הקדוש יום כפור זענען מיר אלעם מתפלל און מיר בעטען ביי השי"ת זאל אונז גע-דענקען זכות אבות, און מיר זעהן נישט אמאל מען זאל מתפלל זיין עפעס נייעס ניט קיין זכות אבות און דאס איז זייער אגרויסע פלא, און מעהר פלא איז ביי די תפלת נעילה וואס דאמאלס איז שוין דער זמן פון דעם גמר החתימה מעהר ווי די גאנצע ימים הנוראים וואס

איבער

איבער דעם זענען מיר מוסיף נאך א תפלה די תפלת נעילה וואס אגאנץ יאהר זענען מיר ניט מתפלל די תפלה, האט מען דאך שוין יעצט יוא געברויכט עפעס זאגען אנייעס אין די תפלה, צום סוף זאגען מיר באלד פון אנהייב פיוט „אב ידיעך מנוער” און מיר דערמאנען ווייטער נאר זכות אבות דאס זעלבע וואס מיר האבען שוין געזאגט און דערמאנט פיעל מאל אגאנץ יאהר און אויך די ימים הנוראים, און צו וואס זענען מיר מוסיף די תפלה? אז דער רבי האט דאס אויס געהערט פון דעם ארענדאר, האט דער רבי פארשטאנען אז ער האט עפעס א תירוץ אויף דעם איבער דעם האט איהם דער רבי צוליעב געטוהן, און האט צו איהם געזאגט, ענטפערט איהר א תירוץ וואס איהר ווייסט אויף דעם, האט דער ארענדאר זיך אנגערופען צום רבי׳ן איך וועל ענטפערען דעם תירוץ אויף דעם.

אגאנץ יאהר זענען מיר מתפלל און מיר זענען נאר תולה אין זכות פון אונזער היילינגע אבות, נאר ווען עס קומט צו נעילה וואס דאמאלס איז דער גמר החתימה האבען מיר מורא אז אין הימעל זאל מען ניט זאגען וואס איז דער גרויסער רעש וואס די יודען זענען מתפלל און זענען נאר תולה אין זכות אבות מיט וואס איז דער זכות אבות אזוי גרויס, צו דען אן די אבות הקדושים ווייסען מיר דען ניט דאס גרויסקייט פון דעם בורא ברוך הוא וואס ער האט בעשאפען הימעל און ערד און ער איז מחיה און מהוה אלעס וואס עס איז אויף די וועלט, און אן איהם קען קיין שום בריאה ניט טוהן די קלענסטע זאך, הגם די אבות הקדושים זענען געוועזען גרויסע צדיקים שטייט דאך אין פסוק „אם צדקת מה תתן לו” מיט דיין צדקות גיב׳סטו גאר ניט דעם אייבערשטען, דען גאט ברוך גאר ניט די עבודה פון מענשען זיי זאלען איהם דינען, איבער דעם זענען מיר מוסיף די תפלת נעילה און מיר זאגען אזוי, אמת טאקע אז אן זיי די אבות הקדושים איז אויך דער בורא יתברך דער בעשעפער פון די גאנצע וועלט און ער איז מחיה די גאנצע וועלט נאר ניט מעהר אזוי, אין די צייט פון אונזערע היילינגע אבות איז נאך דאמאלס קיינער ניט געוועזען וואס זאל מכיר זיין אין דעם גרויסקייט פון בורא ברוך הוא, נאר אברהם אבינו ער איז געוועזען אייגער און דער ערשטער וואס האט עובד געוועזען אין דעם און געמאכט בעוויסט פאר די גאנצע וועלט און האט זיי אויס געוויזען מיט מופתים אז עס איז „מלא כל הארץ כבודו” אז דער בורא ברוך הוא איז א יחיד אויף די וועלט און מעהר קיין גאט איז ניטא, און דאס זאגען מיר אין די תפלת נעילה וואס מיר זענען מוסיף „אב ידיעך מנוער”, אב דער פאטער דאס איז אברהם אבינו וואס ער ווערט אנגערופען „אב המון גוים”, דער פאטער איבער אלע פעלקער, ער ידיעך האט דיך בעוויסט געמאכט אויף די גאנצע וועלט, מנוער פון די יוגענד, דאס הייסט ווען

דו ביסט נאך ניט געווען בעקאנט אויף די וועלט און די וועלט האט דיך נאך ניט געקענט, חאטש אברהם אבינו האט נאר ניט מוסיף געווען מעהר ווי השם יתברך נאר ניט מעהר ווי מודיע געווען פאר די וועלט דאס אחדות הבורא, אזוי אויך איז דאס זעלבע ביי מיר אויך, אמת טאקע דאס אן מיר וואלט איהר אויך געווען דער זעלבער איש קדוש ווי יעצט, נאר אבער ווער וואלט דען געוויסט פון אייך, און פון אייער צדקות, איז נאר דורך מיר וואס איך האב אייך בעוויסט געמאכט אייער גרויסען נאמען אויף די וועלט, דארף איך יעצט דאך האבען ביי אייך דעם דאזיגען זכות, און איהר זאלט אויף מיר דחמנות האבען, און מיר ארויס העלפען פון מיין ביטערע לאגע וואס איך בין יעצט געבליבען אזוי בעירום און בחוסר כל אהן א מלבוש און אהן פרנסה און פערמאג ניט קיין איין פרוטה, אז דער צדיק האט די דאזיגע ווערטער אויס געהערט פון דעם ארענדאר האט ער זייער פון די רייד הנאה געהאט און האט דאס געלויבט פאר אלע מענשען וואס זענען געשטאנען דער ביי, און דער צדיק האט זיך צו איהם אנגערופען פאהרט אהיים בשלום מיין פריינד, און פון היינט אן וועט אייך השם יתברך העלפען און איהר וועט מצליח זיין אין אייערע אלע עסקים, און אזוי איז טאקע מקוים געווארען און ער האט אנגעהויבען מצליח צו זיין און איז געווארען נאך א גרעסערער עושר ווי פריהער, און האט מאריך ימים געווען אין כל טוב, און דער צדיק פלעגט אסאך מאל דערציילען פאר זיינע חסידים די דאזיגע מעשה און די רייד פון דעם ארענדאר און האט זיי זייער געלויבט. (יעצט קען מען שוין פערשטעהן אז ניט אומזיסט האט דער הייליגער צדיק דעם ארענדאר ניט געוואלט פריהער מקרב זיין וויל ער האט געזעהן מיט זיין רוח הקודש אז דער ארענדאר וועט זאגען זיינע זיסע ווערטער ווי אויבען איז געשריבען קען מען שוין פון דעם פערשטעהן דאס נייסקייט פון דעם הייליגען צדיק רבינו ר׳ נטע מחעלים זצ״ל זי״ע.

דער הייליגער צדיק ר׳ נטע מחעלים זצ״ל איז נפטר געווארן
שנת תקע״ב לפ״ק יום ו׳ לחודש שבט תנצב״ה

דאס התגלות און בעווסט ווערן פון דעם הייליגען צדיק דער רבי ר׳ ישכר דוב מראדשיץ זצ״ל.

דער רבי דער חסיד מפורסם ר׳ מאיר יהושע ז״ל דער אב בית-דין פון די שטאדט קלימענטוב, וואס ער איז געווען א איידעם פון גאון הקדוש

הקדוש דער רבי ר׳ ליבוש דער אב בית=דין פון די שטאדט אופעליע און דערנאך אין די שטאדט אוזעראב זצ״ל, האט דערציילט אז ווען ער האט געברויכט דאס ערשטע מאל צו ווערין א רב, איז ער גע= פאהרען פריהער צו זיין רבי׳ן דער גרויסער צדיק ר׳ ישכר דוב מראדשיץ אויף שבת צו פרעגען איהם צו ער איז אויך מסכים אז ער זאל ווערין א רב, און ער פלעגט זיך נוהג צו זיין אז ער האט קיין מאל ניט געזאגט זיין רבי׳ן פריהער וואס ער ברויך ריידען ווען ער האט גע= ברויכט א עצה פרעגען, נאר דער רבי פלעגט אליין איהם זאגען וואס ער ברויך פרעגען און דער רבי האט דאס אלעס געוויסט אליין מיט זיין רוח הקודש וואס יעדער מענש האט נעברויכט פרעגען אזוי אויך יעצט האט ער זיך גאר ניט וויסען געמאכט פאר זיין רבי׳ן וואס ער ברויכט פרעגען וועגען זיין רבנות אין די שטאדט רייוויץ ווי ער האט געזאלט ווערין דארטען רב, און א גאנצען שבת האט זיך דער רבי פון דעם גאר ניט וויסען געמאכט און האט איהם קיין אייןווארט גע= זאגט וועגען דעם, האט ער זיך געטראכט אז דאס מוז ניט זיין מן השמים דאס ער זאל ווערין רב, איבער דעם רעדט ניט דער רבי פון דעם, און נאך שבת אז ער איז אריין גענאנגען צום רבי׳ן זיך גע= זעגענען און נעמען רשות אהיים צו פאהרען, האט דער רבי מיט איהם גערעדט גאר פון אנדערע ענינים אין דברי תורה און חסידות און פון דעם רבנות קיין איין ווארט, נאר צום סוף גאר ווען ער האט שוין געוואלט ארויס געהן האט זיך דער רבי צו איהם אנגערופען מיט דעם לשון איך האב געהערט אז איהר זייט געווארען מיט מזל רב אין די שטאדט רייוויץ זאג איך אייך מזל טוב, און תמיד פלעגט דער רבי מיט איהם ריידען בלשון אתה און האט איהם געדיצט, און פון יעצט אהן האט דער רבי שוין מיט איהם גערעדט בלשון אתם און האט איהם געהערצט, האט זיך דער רב החסיד ר׳ מאיר יהושע אנגערופען צום רבי׳ן טאקע צוליעב דעם בין איך דאך נעקומען צום רבי׳ן פרעגען א עצה צו איך זאל אננעמען דאס רבנות, האט איהם דער רבי אויף דעם געענטפערט מיך פרעגסטו און ער האט אויף געהויבען זיינע הענד צום הימעל און האט געזאגט „תם תם מה הוא אומר״ דאס הייסט דארטען אין הימעל וואס זאגט מען, (אויף פוילישע שפראך הייסט תם דארטען) דארטען אין הימעל איז אזוי נגזר געווארען, האט זיך דער חסיד ר׳ מאיר יהושע אנגערופען צום רבי׳ן דאס טאקע בין איך גע= קומען פרעגען צו מן השמים איז מען אויך מסכים אויף דעם, אויף דעם האט איהם דער רבי געענטפערט הער צו מיין קינד וואס איך וועל דיר דערציילען, דאס וויסטו גאנץ גוט אז איך האב מיך תמיד מסתופף געווען ביי מיינע גרויסע רבי׳ם דער גרויסער הייליגער צדיק דער רבי פון לובלין, און דער הייליגער מגיד פון קאזניץ, און דער גרויסער צדיק דער יוד הקדוש מפרשיסחא זכותם יגן עלינו, פלעג איך מיר נוהג צו זיין און געפאהרען כסדר פון לובלין קיין פרשיסחא און

פון פרשיסחא קיין קאזיניץ, און פלעגט זיצען עטליכע יאהר כסדר ביי די רבי'ס, און רערנאך בין איך אהיים געפאהרען אביסעל, און ווייטער צוריק געפאהרען צו מיינע רבי'ס, איין מאל ווען איך בין אהיים געפאהרען נאך סוכות בין איך אדורך געפאהרען דורך אשטאדט, האט מיך דארטען דערקענט איינער א חסיד וואס האט מיך געזעהן ביי דעם רבין אין לובלין און ער האט זיך מיט מיר זייער געפרייד, האט ער מיך געפרעגט ווי עס דערגייט מיר אין פרנסה, האב איך איהם געענטפערט אזוי בשפה רפה, האט ער מיר געפרעגט צו איך וועל ווערען זיין ביי איהם מלמד ביי זיינע קינדער וועט ער מיר געבען אויף פרנסה האב איך ביי מיר געטראכט וואס הייסט דאס, פון וואנעט קומט דאס א מענש וואס רעדט מיט מיר דאס ערשטע מאל זאל איינפאלען מיר צו פרעגען און מיר אנשלאגען אז איך זאל ווערען ביי איהם מלמד מוז דאך אודאי זיין אז מן השמים האט מען אזוי גוזר געווען אז איך זאל ווערין ביי איהם מלמד, האט מען מן השמים אריין געשיקט דאס אין דעם מענש'ס מחשבה אריין אז ער זאל מיר דאס אנשלאגען, הייסט אז דאס איז מן השמים דארף איך איהם ניט פרעגען ווי פיעל געלד ער וועט מיר געבען נאר מן הסתם האט מען אויך גוזר געווען מן השמים וויא פיעל געלד ער זאל מיר געבען, בין איך טאקע מרוצה געווארען און בין געווארען ביי איהם מלמד, און א גאנצען זמן האב איך איהם ניט גערעדט קיין געלד, נאר אז ער האט אליין געגעבען האב איך צו גענומען און דאס אהיים געשיקט און אז ער האט מיר ניט געגעבען האב איך איהם ניט גערעדט אמאל האט ער אליין נאר אהיים געשיקט צו מיר געלד האב איך איהם אויך ניט איבער געפרעגט וויפיעל ער האט געשיקט ווארום נאך וואס זאל איך איהם דאס פרעגען אז אלעס איז דאך נגזר געווארען מן השמים, און צום סוף זמן אז איך בין שוין אהיים געפאהרען און האב זיך מיט איהם געזעגענט האט ער מיר געגעבען עטליכע רובל און האט מיר געזאגט אז איך זאל נאך יום טוב ווייטער קומען, און איך זאל זיין ביי איהם מלמד דעם צווייטען זמן אויך, האב איך טאקע אזוי געטוהן, ווייל דאס איז דאך אויך מן השמים, און ביי דעם צווייטען זמן האב איך מיר ווייטער אזוי געפיהרט און האב איהם ניט געפרעגט וועגען געלד, איין מאל זאגט ער צו מיר וואס איז די מעשה וואס איהר פרעגט מיך נישט און רעדט מיר נישט קיין מאל קיין געלד און ווילט גאר ניט וויסען ווי פיעל אייך קומט ביי מיר און וויפיעל איך גיעב אייך א זמן, האב איך איהם אויך געענטפערט דאס זעלבע ווי אויבען איז געשריבען און איך האב געזאגט צו איהם, דו מיינסט טאקע אז ביי דיר בין איך מלמד און דאס גאנצע ווענדט זיך נאר אין דיר, ניין נאר אלעס איז מן השמים אפילו די קלענסטע זאך איז אלעס בהשגחה פרטית מן השמים, הייסט וואס ברויך איך דיר צו פרעגען וויפיעל עס איז נגזר געווארען מן השמים איך זאל פארדינען אזוי פיעל וועט איהר מיר געבען, און

צום

צום סוף זמן ווען איך בין אהיים געפאהרען האט ער מיר געגעבען עטליכע רובל און ער האט מיר גאר ניט געזאגט, און איך האב איהם ניט געפרעגט צו איך זאל קומען אויף דעם צווייטען זמן און בין אהיים געפאהרען קיין פרשעדבורז ווי איך האב דאמאלס געוואהנט, בין איך דארטען גאנצע טעג געזיצען אין בית המדרש און עוסק געווען אין תורה ועבודה, און בין געווען אהצנע לכת אין קיין שום מענש האט פון מיר ניט געוויסט נאר אין די גאנצע שטאדט בין איך געווען בעקאנט מיט דעם נאמען בעריל בטלן, וויל אין לערנען האב איך מיט קיינעם ניט גערעדט און על פי רוב פלעג איך נאר זאגען אסאך תהלים און מתפלל געווען און געזאגט תחנונים מיט געוויין, איבער דעם האט מען מיך געהאלטען אין די גאנצע שטאדט פאר א איש פשוט און א בטלן.

איין מאל איז געקומען א פרעמדער מענש פון א אנדערע שטאדט קיין פרשעדבורז אין בית המדרש אריין און האט מיך געזעהן האט ער מיך דערקענט דאס ער האט מיך געזעהן כמה פעמים ביי דעם מגיד אין קאזניץ זצ"ל האב איך איהם געגעבען שלום און האב זיך מיט איהם געפרייד, און איך האב איהם געפרעגט וואס ער טוהט דא האט ער מיר דערציילט דאס ער האט א בת בוגרת און עס איז שוין לאנג ראוי מיט איהר א שידוך צו טוהן און וויל ער איז אבער א גרויסער אביון און האט איהר ניט צו געבען נדן קען ער מיט איהר קיין שידוך טוהן האט ער זיך מתנצל געווען פאר דעם היילינגען מגיד מקאזיניץ האט ער איהם געהייסען ארויס פאהרען צווישען די חסידים און צו זאמען נעמען עפעס געלד אויף נדן פאר די טאכטער'ס וועגען, על כן בעט ער מיך איך זאל זיך משתדל זיין פאר איהם און ארויס געהן איבער די שטאדט און מאכען איהם עטליכע רובל, וויל עס קען איהם קיינער נישט דא איז דאס מוטל נאר אויף מיר אז איך זאל עוסק זיין אין די מצוה פון הכנסת כלה, האב איך איהם געענטפערט אזוי אמת טאקע אז נאר אויף מיר איז מוטל די מצוה וויל איך קען דיך נאר וואס קען איך דיר העלפען מיין פריינד איך בין אבער דא אין די שטאדט זייער בשפל המצב, און אפילו איך זאל שוין געהן וויפיעל קען איך דיר דען מאכען געלד, דו ברויכסט דאך א וודאי אויף נדן א גרויסע סומע געלד און איך קען דיר מעהר ניט שאפען צום העכסטען אין די גאנצע שטאדט סך הכל א ערך פון צוויי זהובים וויל פיעל מענשען וועלען מיר אין גאנצען אפזאגען און וועלען מיר גאר ניט געבען און דער וואס וועט יוא געבען קען ער געבען צום העכסטענס א גראשען אדער א האלבען גראשען אזוי גלייך ווי מען גיט א אנדערען מחזיר על הפתחים על כן איז מיין עצה עס זאל געהן פאר דיר א אנדערער מענש וואס זאל זיין מעהר נכבד פון מיר, נאר דער חסיד האט מיך ווייטער געבעטען נאר איך זאל געהן, האב איך איהם ווייטער געענטפערט דאס זעלבע ווי דער אמת איז, און איך האב איהם איבער געבעטען

פאר

פאר דעם וואס איך קען איהם דאס ניט צוליעב טהון, איז ער פון מיר אוועק געגאנגען ווי ברוגז און האט זיך אנגערופען צו מיר אזוי גשפה רפה די עטליכע ווערטער ניט מעהר, אז אזוי ביסטו דאך ניט איין געשריבען אין דעם צעטיל ביי הקדוש ברוך הוא, און איז תיכף אוועק געגאנגען פון מיר, דערנאך האב איך מיך בערעכינט וואס איז דאס, וואס איך האב געזינדיגט קעגען דעם חסיד וואס ער האט מיר געזאגט אזעלכע בייזע רייד אז איך בין חס ושלום ניט אין כלל ישראל, איך האב דאך איהם נאר געזאגט דעם אמת און אויך איהם געגעבען אעצה פאר זיין טובה וועגען און וואס נאך האב איך איהם געקענט טוהן מעהר האב איך ניט געקענט איבער דעם איינרוהען און איך בין נאך געלאפען איהם זיכען אין גאס אריין כדי איהם איבער צו פרעגען פאר וואס ער האט מיך אזוי געשאלטען, איך האב איהם אזוי לאנג געזיכט ביז איך האב איהם געטראפען און איהם אנגעהאלטען ער זאל מיר זאגען פאר וואס מיר איז געקומען אזוי צו שעלטען, האט ער מיר געענטפערט מיט א שמייכעל חלילה וחס איך זאל שעלטען אדער מבזה זיין וועלכען איד פאר אזא זאך נאר אז איך וועל דיר דערציילען די גאנצע מעשה וועסטו דאמאלס פארשטעהן וואס איך האב געמיינט מיט דעם.

ווען דער צדיק דער הייליגער מגיד פון קאזניץ האט מיך געהייסען פאהרען צווישען די חסידים מקבץ זיין געלד האב איך געזאגט דעם רבי'ן עס איז מיר זייער שוועהר דאס צו געהן טוהן, וויל איך האב קיין מאל דאס ניט געטוהן ארום פאהרען נאך נדבות און וויים ניט ווי איין ווי אוים און קען נישט קיינעם און איך וויים נישט אין וועלכע שטאדט צופאהרען האט מיר דער רבי געגעבען אכתב מליצה אליין זיך אונטער געשריבען און האט געזאגט צו מיר אזוי, אין וועלכע שטאדט אריין עס וועט זיך דיר מזדמן זיין פריהער א געלעגענהייט דארטען זאלסטו פאהרען, און מן השמים האט מען שוין גוזר געווען וויפיעל געלד דו זאלסט מאכען און ווער עס זאל זיך משתדל זיין פאר דיר און ווער עס זאל געבען, אויף דעם אלעם איז שוין געמאכט א צעטיל אין הימעל, איבער דעם בין איך טאקע געפאהרען, און אז איך האב געזעהן אז דו ביסט מסרב און ווילסט נישט געהן וועגען דעם האט מיך נאר ניט פארדראסען אויף דיר, נאר איך האב פארשטאנען אז דוא ווילסט נישט מן הסתם ביזטו ניט איין געשריבען אין דעם צעטיל ביי הקדוש ברוך הוא אויב דו וואלסט געשטאנין איין געשריבען אין צעטיל, וואלסטו געווים מרוצה געווארין, און איך האב גאר ניט געמיינט ח"ו דיך מבזה צו זיין, אז איך האב געהערט אז די רייד זענין פון מיין רבי'ן דער הייליגער מגיד מקאזיניץ, איז מיר דאס גוט אריין אין קאפ אריין און איך האב מיך מיישב געווען וואס קען מיר שאדען אז איך זאל יוא געהן טאמער בין איך איינגעשריבען אין דעם צעטיל ביי הקב"ה איז דאך ניט קיין חילוק צו איך בין יוא א איש מכובד צו ניט וויל מן השמים איז שוין אלעם נגזר געווארען, האב איך איהם געפרעגט ווי פיעל געלד ער ברויך האבען, האט ער מיר געענטפערט

געענטפֿערט לכל הפחות פֿיער הונדערט גילדען, בין איך תיכף אַרויס געגאַנגען אין גאַס אַריין און דאַמאָלס איז גראָד געווען אַ מאַרק טאָג איז דאָרט געווען אויף דעם יריד פֿיעל סוחרים פֿון פֿערשידענע שטעדט האָב איך געטראָפֿען צום ערשטען איין סוחר האָב איך איהם געבעטען ער זאָל מיר געבען אַ נייטיגע נדבה אַ אָרענטליכע און דאָס איז זייער אַ נייטיגע זאַך, האָט דער סוחר תיכף געעפֿענט זיין בייטעלע און האָט אַרויס גענומען אַ מטבע פֿון הונדערט גילדען און האָט מיר גענעבען, איז דאָס מיר געווען אַ גרויסע פלא, און האָב געלויבט השם יתברך וואָס איך בין מצליח און בין געווים שוין איין געשריבען אין דעם צעטיל בין איך דערנאָך שוין געגאַנגען מיט חשק און מיט גרויס שמחה און איך האָב אַליינט ברוך השם געמאַכט די גאַנצע פֿיער הונדערט גילדען און דעם זעלבען טאָג נאָר אין עטליכע שעה און האָב דאָס אַוועק געגעבען דעם חסיד, און דאַמאָלס האָב איך ערשטן פֿערשטאַנען אַז דער רבי דער מגיד מקאזניץ האָט נאָר געמיינט מיט דעם נאָר מיך.

און אויך נאָכדעם בין איך ווייטער אַזוי געזיצען אין בית המדרש און עוסק געווען בתורה ועבודה אַלעס בהסתר און קיין שום מענש האָט ניט געוויסט פֿון מיר, און איך בין געווען אַ גרויסער אביון מדוכא ר״ל עס האָט זיך כמה פעמים געטראָפֿען וואָס עס איז ניט געווען קיין שטיקעל ברויט אין מיין שטוב, און איך און מיין גאַנץ הויז געזונד האָבען געפֿאַסט גאַנצע טעג, אַזוי ווייט אַז איך האָב איינמאָל געזאָגט, ווען עס געוואָלט זיך געפֿונען אַ מענש ער זאָל מיר געבען דריי גראָשען וואָלט ער זיך אין מיר געקויפט עולם הבא האָב איך מיך מיישב געווען איך זאָל אַליין מיר קויפֿען עולם הבא, און איך האָב געזוכט ביי מיר עפּעס וואָס צו פֿאַר משכון׳ע האָב איך אָבער גאָר ניט געפֿונען קיין זאַך אין מיין גאַנצע שטוב עס זאָל זיין ראוי צו פֿאַר משכון׳ע האָב איך אויס געטוהן מיין גאַרטעל פֿון מיר און האָב איהם אַוועק געגעבען דעם בעקער ער זאָל מיר געבען אויף דעם ברויט פֿאַר די קינדער׳ס וועגען צו עסען, איינמאָל האָט זיך געמאַכט אַז מיין גאַנץ הויז געזונד האָבען שוין געפֿאַסט עטליכע טעג אום געגעסען, און איך האָב דאָס ניט געוואָלט דערציילען פֿאַר קיין שום מענש. און קיין שום מענש האָט ניט געוויסט ווי ווייט שלעכט עס איז מיר, האָט זיך דער־וויל געמאַכט אַ מעשה און ביי מיינס אַ שכן איז קראַנק געוואָרען אַ קינד און די אַלע דאָקטוירים מיט די רעצעפּטען האָבען גאָר ניט געקענט העלפֿען דעם קינד און זיי אַלע האָבען דאָס מייאש געווען, האָט זיך די שכן׳טע אָנגערופֿען צו איהר מאַן אַזוי הער מיין מאַן מיך צו, און גיי אַריין צו ר׳ בעריל בטלן און גיב איהם אַכט־צעהן גראָשען ער זאָל זאָגען תהלים פֿאַר אונזער קינד וועגען אפשר אין דעם זכות וועט דאָס קינד געהיילט ווערין, און דאָס קינד איז שוין טאַקע געווען ממש אַ גוסס, האָט ער טאַקע אַזוי געטוהן און איז אַריין געקומען צו מיר און האָט מיר געגעבען די אַכטצעהן גראָשען,

און

און האט זייער געוויינט פאר מיר און מיך געבעטען איך זאל זאגען פאר זיין קינד וועגען עטליכע קאפיטלעך תהלים און איך זאל מתפלל זיין פאר דעם קינד ווייל אלע דאקטוירים האבען שוין דאס מייאש געווען, האב איך צו גענומען ביי איהם די אכטציהן גראשען און האב תיכף געקויפט מיט דעם געלד ברויט אין שטוב אריין און האב מיך גע־וואשען צום עסין און האב געמאכט המוציא און גענומען דעם ערשטען ביס אין מויל אריין, איז מיר איינגעפאלען טאמער איז דערוויל דיי״ס קינד שוין געשטארבען איז עס דאך געגזל׳ט ברויט און היים אבוצע ברך און אדעתא דהכי האט ער דאך מיר ניט געגעבען דאס געלד האב איך מיך אנגערופען צו מיין ווייב אז מען ברויך פריהער געהן געבען אקוק וואס עס הערט זיך ביי דעם שכן וואס דאס קינד מאכט זענין מיר צו געגאנגען אונטער דעם שכן׳ס פענסטער האבען מיר געהערט ווי דאס קינד וויינט, און אין די שטוב איז שטיל האבען מיר פערשטאנען אז דעם קינד איז בעסער דאמאלס בין איך וויטער גע־גאנגען עסין, און פון דאמאלס אן האבען אנגעהויבען קומען צו מיר מענשען, און איך בין געוועזען געניים צו נעמען ביי זיי געלד אויף פרנסה, ווייל איך האב איינגעזעהן אז דאס איז נגזר געווארען מן השמים.

על כן מיין פריינד, יעצט אז דו ביסט נתקבל געווארען פאר א רב אין די שטאדט ריזווין, זאלסטו גישט מיינען אז דיין פרנסה ווענדט זיך אין וועלכען בעל הבית אדער אין קהל פון די שטאדט, נאר דו זאלסט וויסען אז אלעס איז מן השמים, און פון השמים האט מען דיר געגעבען דאס רבנות ברויכסטו פאר קיינעם קיין מורא ניט צו האבען, ווייל קיין שום מענש וועט דיר ניט קענען קיין שום שלעכץ ח״ו טוהן, נאר דו זאלסט זיין ביי דיר א תקיף און פיהרען דיין רבנות ביד רמה און מיינען נאר לכבוד שמים, וועט דיר געוויס השם יתברך העלפען און דעם זכות, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

איין וואונדערליכע מעשה פון הרב הקדוש והטהור רבי ישראל בעל שם טוב זצ״ל.

אין די צייט וואס עס איז מפורסם געווארען אויף דיא גאנצע וועלט, דער גרויסער צדיק וואס מען האט איהם אראפ געשיקט פון הימעל אויף די וועלט ער זאל איינפלאנצען אין אלע יודישע הערצער די אמונה מיט די השגחה פון השם יתברך, פון גרויס ביז קליין די הייליגע דברי תורה וואס עס איז ארויס געגאנגען פון זיין הייליגע מויל אונד הארץ, און דורך די וואונדערליכע אונד מורא׳דיגע מופתים וואס ער האט בייוויזען פאר די גאנצע וועלט, אונד דורך זיין גרויסען מסירת נפש וואס ער האט זיך מוסר נפש געווען אין יעדע רגע פאר

שי״ת

השי"ת און זיין הייליגע תורה און זיין הייליג פאלק ישראל, איז ער
פארבליבען דער רבי פון אלע יודין וואס וועט זיין אין אלע דורות ביז
עס וועט צו אונז קומען דער גואל צדק במהרה בימינו אמן.
דאמאלס איז געוועזען איין גרויסער תלמיד חכם און אגרויסער ירא
שמים, וואס האט געהאלטען איין ארענדע אין די גיטער פון דעם
גרויסען גראף פאטאצקי, און וויל עס איז איהם געגאנגען זייער שלעכט
האט ער איין געהאלטען און ניט געצאהלט די ראטעס צוויי יאהר צייט
דער גראף האט ארויס געגעבען אויף איהם א גזירה אז אויב עס וועט
אן קומען דאס דריטע יאהר, און ער וועט ניט ביצאהלען פאר דיא
גאנצע דריי יאהר, וועט ער איהם איינזעצען אין תפיסה אויף אייביג
און ער וועט מפקיר זיין זיין ווייב און קינדער צו טוהן מיט זיי וואס מען
וועט וועלין חלילה, ווארום אין יענע צייטען האבען די פריצים געהאט
כח צו טוהן וואס זיי האבען געוואלט אזוי ווי עס איז בייוויסט צו
אלעמען, דעם מענש מיט זיין הויז געזונד איז נעבעך געווארען אזוי
שלעכט אז זיי האבען ניט געוויסט קיין שום עצה ווי אזוי צו רעטין
זיך פון די גרויסע צרה רחמנא ליצלן, זיי זענען געזעסען אונד געוויינט
טאג און נאכט אונד געקלערט עצות, און השי"ת האט זיך איבער זיי
דערבארימט און האט אריין געשיקט איין גוטע עצה אין די געדאנקען
פון זיין ווייב, און זי רופט זיך אב צו איהם און זאגט צו איהם
הערסטו מיין מאן, דא ניט ווייט פון אונז אין די שטאדט מעזיבוז וואהנט
אגרויסער רבי ער איז מפורסם פאר איין גרויסער צדיק און אגרויסער
בעל מופת, וואס ער איז גוזר איז דער השי"ת מקיים, אזוי ווי עס
שטייט אין די גמרא צדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים, מען רופט
איהם דער בעל שם טוב, און אסאך גרויסע גאונים וצדיקים פאהרען
צו איהם הערין זיינע אמת'דיגע דברי תורה און זיינע הייליגע תפלות,
על כן הער מיך גיי אריבער צו איהם און דערצייל איהם אלעס, און
וואס ער וועט דיר הייסען וועסטו געוויס מצליח זיין מיט די הילף פון
השי"ת, דער מענש האט זיך אבער פארשטאפט זיינע אויערין ער האט
נאר ניט געוואלט הערין וואס זי זאגט צו איהם, ער האט געוויסט אז
על פי דרך הטבע איז גאר ניט דא פאר איהם קיין שום הילף, נאר
אז דער הייליגער בעל שם טוב קען איהם העלפען דורך זיין תורה
ותפלה אפילו נישט על פי דרך הטבע, דאס האט ער נישט געוואלט
בשום אופן גלייבען, נאר דאס ווייב האט אבער ניט איין גערוהט, זי
האט איבער איהם געוויינט און געבעטען ער זאל חס האבען אויף זיך מיט
זיין הויז געזונד און גיין צום הייליגען בעש"ט, ער האט דאך ניט סיי ווי
סיי וואס צו פארלירען, קיין שאדען וועט ער דאך דערפון ניט האבען
ער האט שוין ניט געקענט פאר נעמען איהר ביטער געוויין, און ער איז
אוועק צום בעש"ט מיט איין פארביטערט הארץ.
ויהי איז געוועזען ווי ער איז געקומען צום בעל שם טוב זכותו יגן
עלינו און האט פאר איהם איך אויס פארציילט זיין ביטער הארץ, רופט
זיך

זיך דער בעש"ט צו איהם און זאגט, איך גיב איט אויף דיר אזוי ווי ח וועסט קומען אהיים זאלסטו אבווארטען זונטאג אין דערפריה און דו זאלסט ארויס גיין ארום דרייען זיך אויף די גאס, און אז עס וועט צו דיר צו קומען צום ערשטען איין דארפ'ס מאן אינו יהודי, און וועט ווייזען פאר דיר אזאך דו זאלסט דאס קויפען. זאלסטו גאר ניט קלערין וואס די זאך איז און צו זי איז ווערט וואס ער פארלאנגט פון דיר צו ניט, נאר דו זאלסט ביי צאהלען וויפיעל ער וועט וועלין און צו נעמען די זאך און ברענגען זי צו מיר וועל איך דיר לערנען וואס צו טוהן מיט דעם, דו אלע ווערטער וואס דער בעש"ט האט איהם דא אנגעזאגט איז געווען ביי איהם איין געלעכטער און ער האט גאר ניט געהאט בדעה צו טוהן וואס ער האט איהם געהייסען, אבער אז ער האט דאס פארצייילט זיין ווייב, האט זיא איהם ניט געלאזט איינרוהען זי האט פאר איהם געוויינט און געביטערט און האט איהם ארויס געטריבען זונטאג פון שטוב מקיים צו זיין די רייד פון דעם מלאך אלקים דער בעש"ט זי"ע, ער האט געמוזט אזוי טאהן, אבער ווי ערשטוינט איז ער געווארען אז ער האט באלד געזעהן אז דעם היילינגען בעש"ט'ס ווערטער זענען באלד מקוים געווארען, ווארום ווי ער איז נאר ארויס געקומען אויף די גאס איז באלד צו איהם געקומען א דארפ'ס מאן, און האט איהם פארגעלייגט ער זאל ביי איהם קויפען א פעלכעל פון א שעפסיל, דער מענש האט איהם געפרעגט וויפיעל ער וויל פארדעם האט ער געזאגט א גילדען, ער האט ניט פארמאגט אין קעשענע מעהר ווי איין גילדען וואס ער האט פאר איהם געברויכט אהיים ברענגען ברויט, נאר וויל ער איז געווען שטארק צו קאכט אונד איבער געראשט פון דערהיים, האט ער ניט געהאט די מוט איבער צורעכענען זיך, און האט באלד ארויס גענומען דעם לעצטען גילדען און אוועק געגעבען דעם דארפ'ס מאן, און האט צו גענומען דאס פעלכעל און אהיים געגאנגען און דער דארפ'ס מאן איז באלד נעלם געווארען פון זיינע אויגען, ער האט אבער ווייטער נאך ניט געגלייבט אין דעם בעש"ט זי"ע און האט געהאט גרויס חרטה אויף דעם קויפען און איז אהיים געגאנגען זייער פארביטערט, און האט געשריגען אויף דעם ווייב פאר וואס זי האט איהם געגייט מקיים זיין דעם בעל שם טוב'ס רייד ער האט איהר געוויזען דאס פעלכעל, און האט צו איהר געזאגט זעה וואס עס איז מיר אויס געגאנגען אז איך האב געהערט דיין עצה, און וואס וועל איך טוהן מיט דעם פעלכעל, וואלט ניט גלייכער געווען אז איך וואלט געקויפט פאר דעם לעצטען גילדען ברויט פאר די קליינע קינדער, האט דאס ווייב געענטפערט און האט געזאגט צו איהם וויא לאנג נאך וועסטו ניט האבען קיין אמונה אין דעם היילינגען צדיק דעם בעש"ט, דו האסט דאך אליינט געזעהן אז וואס ער האט דיר געזאגט איז אלץ מקוים געווארען, און ער האט דאך דיר געהייסען נאך אמאל קומען צו איהם, על כן זאלסטו דיך ניט אפלאזען אין אזא עת צרה

נאר

צאר דו זאלסט טוהן אזוי ווי דו ביזט געבאטען געווארען פון זיין הייליג מויל און דער השי"ת וועט אונז א ודאי העלפען, ער האט געמוזט אזוי טאהן און איז געקומען נאך אמאל צום בעש"ט און האט איהם געוויזען דאס פעלכעל וואס ער האט געקויפט וויל ער האט געהייסען.

ויען האט איהם דער בעש"ט געענטפערט און האט איהם אזוי געזאגט דו זאלסט וויסען מיין קינד, אז דו האסט מיט דעם קויפען זייער גוט געטאהן, נאר הער וואס איך הייס דיר טוהן, דעם אין דעם טאג אין די נאהנטע טעג וועט זיין דער נאמען'ס טאג ווען דער גראף פאטאצקי איז געבוירען געווארען, וועלין דעמאלס קומען צו איהם אלע שרים און אויך אלע מענשען וואס וואוינען אין זיינע גוטער זיך פרייען מיט איהם אין זיין שמחה אזוי ווי דער מנהג איז ביי זיי און יעדער מענש פון די אלע מענשען ברענגט איהם א גוטע זאך פאר א מתנה לויט זיין כח, ע"כ זאלסטו אויך זיין איהם ווינשען און איהם געבען פאר א מתנה דאס פעלכעל, נאר זאלסט זעהן צו זיין געווארענט ניט צו ענדערין פון דעם וואס איך הייס דיר טאהן, דער מענש האט שוין ניט געקענט אויס האלטען צו הערין אזעלכע ריי' וואס עם האט ביי איהם אויס געזעהן נאריש און ליצנות ווי דער בעש"ט וואלט חלילה געשפעט פון איהם, און איז גלייך אהיים געלאפען מיט זיין פארביטערט הארץ, און האט זייער געשריגען אויף זיין וויב פאר איהר עצה געבען, און האט זיך שטארק פונגאנדער געוויינט און האט גע=ביטערט און געזאגט דאס הייסט דער בעש"ט דערלאנגען א מתנה דעם גרויסען גראף אין זיין נאמען'ס טאג, וואס אלע גרעסטע פריצים און גראפען קומען דעם טאג צו איהם אויף איין באל, און דערלאנגען איהם מתנות פון די טהייערסטע זאכען וואס עס איז דא אויף די וועלט ווער ווייסט דען ניט אז ער וועט מיך באלד טייטען מיט די שווערסטע מיתה וואס עס איז נאר דא אויף די וועלט, און אלע מענשען פון די וועלט וואס וועלין דאס הערין, וועלין זיי געוויס געבען דעם גראף דאס רעכט, און עס וועט נאך ארויס גיין א צארין אויף אלע יודען חלילה ווארען מען וועט זאגען אז יודען האבען געמאכט לצנות פון דעם גרויסען גראף, און דאדורך וועלין אלע יודען זיין אין גרעסטען געפאהר פון סכנת נפשות, דאס וויב האט אבער געהאט גרוים אמונה אין השי"ת און אויך אין זיין טרייען אונד הייליגען קנעכט דעם בעש"ט זי"ע דרום האט זי געטענה'ט צו איהם האב קיין מורא ניט, ווארום אסאך בייטריבטע מענשען אזוי ווי דו איז זיי געטוהן געווארען גרויסע ניסים ונפלאות העכער פון דער טבע ביי דעם בעש"ט, ע"כ זאלסטו ניט חוקר זיין אין אזעלכע זאכען וואס עס איז פון דיר פארהוילען, דוא ברויכסט נאר צו טוהן זיין הייליג בייפעלין דו בדארפסט דיר שטארקען אין די אמונה פון צדיקים. ווארען זיי זענען גוטע שלוחים פון השי"ת אזוי ווי עס שטייט אין די תורה הקדושה ,ויאמינו בד' ובמשה עבדו"

דאם

דאָס איז דער מיינונג אַז די יודען האָבען געגלייבט אין אייבערשטען און אויך אין זיין קנעכט משה, זעהט מען אַז די תורה הקדושה האָט פאַר גלייכט אמונת הצדיקים צו אמונת השי״ת, מען קען ניט צוקומען צו אמונת השי״ת, ביז מען האָט פריהער אמונה אין צדיקים, אַזוי ווי מען גיט אָב כבוד דעם אָפיצער ווייל ער דינט דעם קיסר, ע״כ האָב קיין מורא ניט און ווער ניט צו בראָכען, וואָרום דער גרויסער צדיק דער היילינער בעש״ט ווייסט וואָס ער זאָגט, מיט דעם השי״ת הילף וועסטו זעהן אין דעם גרויסע וואונדער און עס וועט קומען די ישועה.

ויהי עס איז געווען ווי עס איז אָהן געקומען דער נאָמען׳ס טאָג פון גראַף פאָטאָצקי, האָט זיך דאָס ווייב אויף איהם געשטאַרקט מיט איהרע רייד און וויינען ער זאָל אַהין גיין מיט דעם פעלכעל, און ער האָט ביי קיין אופן ניט געוואָלט גיין, נאָר אַזוי ווי ער האָט שוין ניט געקאָנט אויסהאַלטען איהר געוויין מיט איהר געבעט, איז ער אַרויס פון שטוב איין איבער געשראָקענער און צומישטער ער האָט נישט געוויסט פון וואַנעט און פון וואָס איז עהר געגעבען אַקום צו געבען דעם גראַפ׳ס פאַלאַץ וואָס עס איז דעמאָלס געווען פיל מיט פריצים און גראַפען וואָס זיי זענען געקומען זיך פרייען מיט דעם גראַף און איבער געבען איהם מתנות, ער איז געבליבען שטיין צומישט ביי די טיהר פון דעם פאַלאַץ פיל מיט צער און עגמת נפש, עס האָט זיך אָן געהויבען פיהרען אַגרויסע מלחמה אין זיינע געדאַנקען וואָס ער זאָל טוהן, זאָל ער גיין אַהיים וועט איהם דאָס ווייב פייניגען און זי וועט זיין גערעכט וואָרום עס איז דאָך ניט דאָ קיין אַנדערע עצה ניצול צו ווערין, זאָל ער אַריין גיין איבער געבען די שיינע מתנה דעם גראַף וועט מען איהם דאָך באַלד הרגענען, ער איז אַזוי געשטאַנען און געקלערט ער וועט שוין בעסער אַהיים גיין, כדי ער זאָל נישט הייסען חלילה „המאבד עצמו לדעת״ דאָס הייסט דער וואָס ער פאַרליערט זיך אַליין מיט זיין דעה פון די וועלט, זאָגט די גמרא אַז ער האָט ניט קיין חלק לעולם הבא, ווי ער האָט שוין געוואָלט גיין, און דער זעלבע רגע האָט איינער פון די דינער דעם גראַפ׳ס געעפענט די טיהר, און ער האָט דערזעהן שטיין דעם יהודי. האָט ער געגעבען אַ געשריי וואָס טוהסטו דאָ יוד [צו] ביסט דו געקומען מיט אַ מתנה צום גראַף, פאַר גרויס שרעק האָט ער ניט געוויסט וואָס עס טוהט זיך מיט איהם און האָט אויס געצויגען די האַנד וועלכע האָט אין איהר געהאַלטען דאָס שעפסען פעלכעל, דער דינער איז געווען אַגרויסער שונא ישראל, האָט ער באַלד געגעבען אַ חאַפּ אַרויס דאָס פעלכעל, און איז געגעבען אַלויף אַריין צום גראַף און דערלאַנגט איהם דאָס פאַר אַלע פריצים אין די אויגען און געזאָגט דאָס איז אַ מתנה צו דיין נאָמען׳ס טאָג וואָס האָט געבראַכט דער יהודי וואָס האַלט ביי דיר די אַרענדע, דער גראַף איז געוואָרען זייער פאַרשעמט, און דער דינער האָט זיך זייער געפרייט וואָרען ער האָט

בײ קומען אײן אָרט ער זאָל קענען טוהן יודען שלעכט ח״ו, דערװײל
האָט דער גראַף געהײסען דעם יהודי פֿאַרשליסען אין אַ באַזונדער חדר
ביז מען װעט זיך בײ רעכענען װאָס צו טוהן מיט איהם און װאָס פֿאַר
אַ מיתה מען זאָל איהם פּסקנען דערנאָך רופֿט זיך דער גראַף צו די
פּריצים, היתכן װי קען דאָס זײן אַז אַזאַ אָרימער יוד זאָל זיך ערלױבען
מיך צו שענדין מיט אַזאַ שמוציגע זאַך, און װי אַזױ האָט ער זיך
אײנגעשטעלט דאָס לעבען ער האָט דאָך געװיסט אַז מען װעט איהם
הרגענען מיט די שװערסטע מיתה, מן הסתם איז עפּעס דאָ אין דעם
פעליכעל אײן װינדערליכע זאַך, דער גראַף האָט גענומען דאָס פעלכעל
און האָט זיך פֿאַרמאַכט אין אַ בעזונדער צימער און האָט געקלערט און
געזוכט עפּעס סימנים אין די װאָל פון דעם פעלכעל, װי פֿאַרװינדערט
איז ער געװאָרען ער האָט דערזעהן אַז די גאַנצע װאָל פֿון פעלכעל
איז אױסגעקראַזילט און אױס געקנײטשעט אותיות װי עס לײגט זיך זײן
נאָמען גלײך און דעם נאָמען פון זײן פאָטער מיט זײן פאַמיליע מיט די
דאַטע פון יאָהר און פון חודש און פון טאָג און שעה װען ער איז גע=
בױרען געװאָרען, אַלץ איז געװעזין זײער שײן בײדאַטיג אַרױס, דער
גראַף איז געװאָרען פיל מיט שמחה, פֿאַר גרױס פרײד איז ער באַלד
אַרױס מיט דעם פעלכעל צו אַלע פּריצים, און האָט זײ געװיזען די
װינדערליכע זאַך, און מען האָט אָהן געהױבען אַרום צו קלערין פון
װאַנעט קען דאָס זײן אַזױ צו איז דאָס געמאַכט פון אַזאַ טהײערין
בעל מלאכה, אָדער דאָס איז אַזױ געבאָרען געװאָרען מיט דעם
אײבערשטען׳ס קראַפֿט, נאָך אַלאַנגע בעראַטונג איז מען געקומען צו
די דעה אַז אפילו זאָלען זיך צוזאַמען קומען אַלע בעלי מלאכות פון
די װעלט װעלין זײ ניט קענען אַרבײטען אױס אַזאַ װינדערליכע זאַך,
דאָס איז ניט אַנדערש נאָר פון הימעל געמאַכט אַז עס זאָל אַזױ זײן,
די פּריצים האָבען געבעטען דעם גראַף ער זאָל אַרײן רופען דעם יהודי
אונד אױס פרעגען װי ער האָט דאָס גענומען, מען האָט איהם באַלד
אַרײן גערופען, דער מענש האָט געמײנט אַז מען גײט איהם שױן
הרגענען איז ער געפאַלען פֿאַר זײ צו די ערד, און האָט אָנגעהױבען
שטאַרק צו װײנען און האָט פֿאַרצײלט פֿאַר זײ די גאַנצע מעשה פון
אָנהױב ביז צום סוף, עס איז אָבער געװען בחנם זײן װײנען, זײא
האָבען איהם אױף געשטעלט און האָבען צו איהם געזאָגט האָב קײן
מורא די ביסט אײן גליקליכער מענש אַז עס איז דורך דיר אָהן געקומען
אַזאַ טהײערע מתנה צום גראַף, און זײ האָבען איהם געװיזען די
װינדערליכע זאַך און האָבען זיך שטאַרק געפרײעט, און עס איז גע=
בליבען בײ דעם גראַף און אַלע שרים צו זאַמען אַז פֿון דעם פעלכעל
זאָל מען מאַכען אַשײן הימעל, און אַלע יאָהר אין דעם
נאָמען׳ס טאָג פון גראַף זאָל דער גראַף גײן אָן געטוהן אין דעם הימעל
און דער יהודי זאָל בעקומען גרױסע מתנות אין דעם טאָג פון גראַף,
און אַלע האָבען געדאַנקט דעם אײבערשטען יתברך װאָס ער האָט
גימאכט

געמאכט אזא ווינדערליכע זאך. און עס איז געווען אגרויסער קידוש השם פאר אלע אין די אויגען, און דעם יהודי האט דער גראף און אלע פריצים באשאנקען מיט געלד און מתנות, אויך האט ער גישענקט דעם חוב וואס עס איז איהם געקומען און האט איהם אהיים געשיקט מיט גרויס הצלחה, און ער איז פון דעמאלס אן רייך געווארין און האט שוין פארשטאנען דאס גרויסקייט פון היילינגען „בעל שם טוב", וואס אסאך רבנים גדולים וצדיקים מפורסמים האבען זיך בייהעפט צו איהם און זיי האבען געלערינט ביי איהם תורה, און ווי אזוי צו דינען דעם רבונו של עולם, און זיינע היילינגע ווערטער זענען צושפרייט געווארען אויף די גאנצע וועלט זיי ערהאלטען דאס גאנצע יודישקייט ביי יודען ביז מיר וועלין זוכה זיין דער גואל צדק וועט צו אונז קומען בקרוב אמן.

דער בארימטער היילינגער גאון פון די וועלט רבינו מאיר מרגליות זכותו יגן עלינו, דער רב אב"ד פון לעמבערג און אוסטרהא, דער מחבר פון ספר שאלות ותשובות „מאיר נתיבים" און נאך ספרים, שרייבט אין זיין היילינג ספר „סוד יכין ובועז" פרק ב' מיט דעם לשון אות באות, אזוי ווי עס האבען מיך געווארענט צו דעם מיינע רבי'ס וואס זיי זענען גרויס געווען אין תורה מיט חסידות, און צווישען זייא מיין גוטער פריינד הרב החסיד מופת הדור מוהר"ר ישראל בעל שם טוב זכר צדיק לברכה לחיי עולם הבא, איין בייוויליגטע כוונה צו לערנען תורה לשמה, זיך צו בייהעפטין מיט היילינגקייט און מיט ריינקייט מיט די אותיות התורה, מיט דעם כח און מיט דעם טוהן און מיט דעם רעדען און מיט דעם געדאנק, אנצוקניפען דאס חלק פון נפש רוח נשמה חיה יחידה אין היילינגקייט פון דעם ליכטיגקייט פון די מצוה און דעם בעלייכטונג פון די תורה, אותיות וואס זיי מאכען קלוג און זיי געבין אריין איין שפע פון ליכטיגקייט מיט איין אמת'דיג לעבען איין אייבינ'ס, און אז דער מענש איז זוכה צו פארשטעהן און זיך צו בייהעפטין אין די היילינגע אותיות, קען ער פארשטעהן ממש פון די אותיות אפילו עתידות דאס הייסט אזעלכע זאכען וואס זענען אנגעברייט צו קומען אויף די וועלט, און פון מיינע יונגע יאהרען אהן פון זעם טאג וואס איך האב מיך בייקענט מיט א בייהעפטונג פון ליבשאפט מיט מיין רבי הרב רבינו ישראל בעל שם טוב תהא נשמתו צרורה בצרור החיים הנ"ל, ווייס איך ריכטיג און בייגלייבט אז דאס איז געווען זיין פיהרונג מיט היילינגקייט און מיט ריינקייט, מיט פיעל חסידות און אפגעשיידט פון די וועלט און מיט פיעל חכמה, דער צדיק לעבט מיט זיין אמונה בייהאלטענע זאכען זענען צו איהם געווען אנטפלעקט, נאר דער כבוד פון רבונו של עולם איז צו פארבארגען די זאך, ביז אהער איז זיין היילינג לשון.

דער היילינגער בעל שם טוב האט געפרעגט א קשיא, מיר געפונען

דאך

דאך אסאך מאהל ווי די הייליגע חכמים ז"ל זענען מזהיר מען זאל ניט רעדין חלילה קיין לשון הרע, פאר וואס דען זאגט די גמרא אליין אין (פרק גט פשוט) „רובם בגזל וכולם בלשון הרע" אז א רוב מענשען ווערען געשטרויכילט אין די עבירה פון גזלה, און די עבירה פון לשון הרע ווערען אלע געשטרויכעלט, האט ער געענטפערט אזוי, אז די הייליגע גמרא לערינט א זכות אויף יודען און זאגט אזוי, רבונו של עולם ביז ווי לאנג וועסטו זיך נישט מרחם זיין אויף יודען און ארויס נעמען זיי פון ביטערען גלות וואס זענען שוין שטארק פארזונקען אין די קליפה און זיי האבען גרויסע מניעות, און וואס דאס גלות וועט לענגער דוירען וועלען זיי חלילה מעהר אריין פאלען אין טומאה מיט עבירות חלילה דארום אייל דיך און לייז אונז אויס, כן יהי רצון במהרה בימינו.

דער גאון החסיד מוה"ר זושא ז"ל דער רב פון די שטאדט פלאצק און דער גאון החסיד מוה"ר פייביל ז"ל דער רב פון די שטאדט גריצא האבען ביידע געלערינט צו זאמען ביי דעם גרויסען גאון און צדיק ר' יעקב מליסא ז"ל, און ווי אזוי זיי זענען ביידע מקורב געווארען צו חסידות איז געוועזען אזוי, נאך דעם ווי זיי זענען אוועק פון ליסא האבען זיי ביידע צו זאמען ווייטער געלערינט אין ווארשא און דער רב מגריצא ז"ל האט געהאט זיין נדן געלד ליגען אין לובלין איז ער איינמאל געפאהרען מיט זיין שוועהר קיין לובלין אויף שבת נאך דעם געלד איז ער צו די סעודה שלישית אריין נעגאנגען אויף א געלעכטער צום טיש פון רבי'ן פון לובלין האט ער געהערט די תורה וואס דער רבי האט געזאגט ביי דעם טיש איז דאס איהם אריין טיעף אין הארצען אריין און איז באלד צו-געקלעבט געווארען צום רבי'ן זייער שטארק און האט נעגעבען דעם רבי'ן א קוויטעל פאר זיך און זיין חבר ר' זושא ז"ל האט דער רבי גערעדט פאר איהם אויף ר' זושא אז ער איז ניט אזוי גוט איז דאס ביי איהם געוועזען אגרוים וואונדער ווייל ער האט דאך גוט געקענט ר' זושא'ן אז ער געהט בדרך הישר. דערנאך אז ער האט שוין געוואלט אוועק פאהרען פון לובלין איז ער געגאנגען צו רבי'ן זיך געזעגענען האט ער ווייטער געגעבען דעם רבי'ן א קוויטעל פאר זיך און פאר ר' זושא'ן האט דער רבי יעצט זייער געלויבט ר' זושא'ן פאר איהם איז דאס געווארען ביי איהם נאך מעהר פלא פאר וואס דער רבי האט משנה געוועזען זיינע רייד, תיכף אז ער איז אהיים געקומען קיין ווארשא איז ער גלייך געקומען צו זיין חבר ר' זושא און האט איהם דאס אלעס דערצעהלט האט איהם ר' זושא דערצעהלט וואס עס האט זיך איהם פאסירט, דאס עס איז געקומען צו איהם א אורח הגון א למדן און א ירא שמים וואס עס איז איהם זייער שלעכט און האט געוואלט איך זאל איהם העלפען און צוזאמען נעמען פאר איהם א נדבה ביי די גבירים פון שטאדט האט ער מיר געזאגט א פלפול אין א גמרא האב איך איהם דאס אפגעפרעגט האט

דער

דער אורח געהאט זייער חולשת הדעת און איז אוועק געגאנגען בפחי נפש און דאס איז געווען וואס דער רבי האט גערעדט אויף מיר נאר דערנאך האב איך מיר מיישב געווען אז איך האב ניט גוט געטוהן איך האב איהם קיין געלד ניט געשאפט און דעם פלפול זיינעם צו גאר נישט געמאכט אזוי פיעל צער איהם אנגעטוהן האב איך געהייסען איהם אויף זוכען און האב אליין פארענטפערט דאס וואס איך האב איהם אפגעפרעגט און איהם אויך געשאפט געלד און איהם געגעבען און דאס אלעס מתקן געווען, איבער דעם האט מיך דער רבי דערנאך געלויבט האבען זיי ביידע געזעהן פון די מעשה אז ביי דעם רבי'ן אין לובלין איז פארהאן רוח הקודש זענען זיי ביידע געפאהרען קיין לובלין:

דער הייליגער צדיק מנעסכיז ז״ל האט דער-צעהלט א מעשה·

דאס איינמאל אין יאהר תרי״ח לפ״ק איז ער געווען אין וועלכע שטאדט האט מען דארטען געבויט אנייע שוהל האבען זיי איהם געבעטען ער זאל לייגען דעם ערשטען ציגעל צום פונדאמענט האבען זיי פאר איהם איין געשפאנט א וואגען ער זאל פאהרען פון די אכסניא זיינע צום ארט ווי מען בויעט די שוהל, און האטש זיין שטיינער איז געווען תמיד ער זאל געהן פריהער און נאך איהם דער וואגען נאר דאמאלס איז איהם איינגעפאלען אין זיין דעה ער זאל דעם וואגען לאזען געהן פריהער פאר איהם און ער מיט די מענשען זענען געגאנגען דערנאך· איז דארטען געווען איינער אגרויסער רשע וואס האט געוואלט שלעכטס טוהן איז ער געגאנגען עס זאל קיינער ניט וויסען פון דעם און האט אונטער געהאקט די סלופעס וואס איז אונטער די בריק ווי דער רבי האט געברויכט דארטען געהן כדי די בריק זאל איינפאלען ווען דער רבי וועט ארויף פאהרען דורך די גרויסע משא פון פיעל מענשען וואס האבען זיך אנגעהאלטען אין דעם וואגען פון רבי'ן, און דורך דעם וואס ער האט געהייסען פאהרען דעם וואגען פריהער פאר איהם זענען זיי אלע ניצול געווארען פון א אומגליק, אז דער וואגען איז ארויף אויף די בריק האט זיך די בריק אביסעל איינגעבויגען האט מען יעצט דער-זעהן וואס מען האט געוואלט מאכען זענען זיי געגאנגען מיט אאנדערען וועג, און השם יתברך האט אויך מפרסם געווען דעם בעל המעשה דאס ער איז אין זעלבען טאג משוגע געווארען און האט זיך אליין מודה געווען און מען האט איהם גענומען אין שפיטאל אריין, און ר׳ יוסף מראוונא איז געווען ביי איהם אין שפיטאל אין א צייט ווען ער איז געווען אביסעל בישוב הדעת האט ער איהם דערצעהלט די גאנצע מעשה און אז ער איז פאר דעם געשטראפט געווארען אז דער

צדיק

צדיק האָט דאָס דערציילט ביי זיך אין דערהיים האָט זיך איינער פון זיין בני הבית אָנגערופען אַזוי זאָל פאַרלוירען געהן די אַלע וואָס טראַכטען שלעכטס אויף אונזער רבי׳ן, האָט איהם דער רבי געענטפערט פאַר וואָס ער שעלט, האָט ער זיך צוריק אָנגערופען אַ ודאי זענען זיי ווערט די אַלע וואָס טראַכטען נאָר איינמאָל שלעכטס אויף דעם רבי׳ן, האָט דער רבי איהם געענטפערט דאָס השם יתברך הערט נישט צו די קללות פון דעם וואָס האָט ליעב צו טרינקען משקה און האָט ליעב צו שלאָפען, האָט ער זיך צוריק אָנגערופען לאָז השם יתברך זיך אָננעמען פאַר דעם וואָס האָט נישט ליעב צו טרינקען משקה און צושלאָפען דאָס מיינט ער דעם רבי׳ן, האָט איהם דער רבי געענטפערט דאָס אַזאַ מענש שעלט נישט אָבער קיינעם און איז נישט מרוצה צו דיינע קללות.

דער הייליגער צדיק ר׳ משה מקראסטשוב ז״ל דער זוהן פון הייליגען צדיק ר׳ מרדכי מטשארנאבול ז״ל איז אַמאָל געקומען צו איהם איינער פון זיטאָמיר וואָס עס איז איהם זייער שלעכט געגאַנגען אַמאָל איז ער געווען אַ שיינער בעל פרנסה און אַ נכבד בעיני הבריות און יעצט איז איהם זייער ביטער, און חאָטש דער צדיק האָט איהם זייער גוט געקענט נאָך פון פריהער פון דעסטוועגען האָט ער איהם בתחילה מדחה געווען דאָס ער קען איהם נאָר נישט העלפען. נאָר דערנאָך האָט ער צו איהם געזאָגט דאָס זיין דעה איז נוטה ער זאָל ווערען אַ בעקער און זאָל אָנהייבען צו באַקען ברויט און פאַרקויפען, און דער מענש איז קיינמאָל ניט געוואָהנט געווען מיט דעם און האָט זיך זייער געשעהמט דאָס צו טוהן, נאָר דאָס האָט אָבער דער מענש געוויסט אַז די רייד פון צדיק זענען זייער גרוים און מסתמא האָט דער צדיק אַ אמת׳ע כוונה אין דעם, איז דער מענש אַהיים געפאָהרען קיין זיטאָמיר און זיין ווייב האָט אָנגעהויבען צו באַקען ברויט און האָט אוים געבאַקען עטליכע זעק מעהל און דאָס ברויט איז ניט ראוי געווען למאכל אדם וויל ניט ער און ניט זיין ווייב האָבען געוויסט ווי אַזוי מען ברויך באַקען ברויט, איז דאָס ברויט געבליבען ליגען אַ ערך פון צוויי וואָכען און קיין שום מענש האָט דאָס ניט געוואָלט נעמען אין האַנד אַריין, ביז אויף די דריטע וואָך איז אַדורך געגאַנגען דורך זיטאָמיר זייער פיעל חיל האָט זיי אוים גיפעלט ברויט האָבען זיי אָפּ געקויפט דאָס גאַנצע ברויט וואָס האָט זיך געפונען אין שטאָדט ביי די בעקער׳ס און עס האָט זיי נאָך אַלעס געפעהלט ביז זיי זענען געוואָהר געוואָרען אַז ביי דעם מענש געפינט זיך זייער פיעל ברויט זענען זיי געגאַנגען צו דעם אַהיים און האָבען ביי איהם אָפּ געקויפט דאָס גאַנצע ברויט און איהם געגעבען אַ גוטען מקח און דאָס איז געווען ביי נאַכט, און דער איש חיל וואָס האָט איהם בייצאָהלט פאַר דעם ברויט האָט פאַרלוירען ביי איהם אין שטוב אַגרויסע סומע געלד, און דאָס חיל איז

אוועק

אוועק פֿון זיטאָמיר, און דער פּריה האָט ער געפֿונען בײַ זיך דאָס געלד, און איז שוין פֿון דאַמאָלס אָן ניט געוועזען מעהר קיין בעקער, נאָר האָט געזעהן בחוש די תשובה פֿון צדיק וואָס האָט איהם געהייסען ווערען אַ בעקער אַז ער האָט נאָר געמיינט אַזוי אַרום פֿאַר איהם אַ טובה, זכותו יגן עלינו:

דער הייליגער צדיק ר׳ אהרן מטשארנאביל ז״ל, איז אַמאָל געקומען צו איהם איינער פֿון זײַנע מקורבים און האָט זיך מתנצל געוועזען פֿאַר איהם, דאָס ער פֿאָהרט תמיד אַרום אין וועלדער און האָט גרויס פּחד פֿון דעם, האָט איהם דער צדיק ר׳ אהרן געגעבען אַ קמיעה און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט איך גיעב דיר די קמיעה און דו זאָלסט דיר דאָס אויף הענגען אויף דעם האַלז און דאָס געהן אָנגעטוהען תמיד און ניט אויס טוהען דאָס נאָר פֿרײַטאָג פֿאַר ליכט ב[illegible]ען און מוצאי שבת נאָך הבדלה צוריק אָנטוהן, איינמאָל מוצאי שבת נאָך הבדלה האָט ער זיך זייער געאײַלט אַוועק צופֿאָהרען אין וואַלד אַרײַן וועגען זײַן עסק און האָט פֿאַרגעסען אָנצוטוהן די קמיעה אויף זיך איז ער געפֿאָהרען אין וואַלד האָט זיך געמאַכט זייער אַגרויסער שטורם ווינד און עס האָט זיך אויס געריסען אַ בוים און גע׳הרג׳ט דעם מענש, נאָך דעם האָבען זײַן בני הבית נאָך געזוכט האָבען זיי געפֿונען די קמיעה ליגען אין דערהיים האָט מען זי אויף געעפֿענט איז געוועזען אויף געשריבען מיט דעם הייליגען צדיק׳ס האַנד בזה הלשון „משביע אני עליכם שר של יער וכל עצי היער שלא להזיק את פלוני בן פלונית נאום אהרן בן מרדכי״ און די מעשה איז מפורסם אין גאַנץ וואָלינער גובערניע און מען זעהט פֿון די מעשה דאָס גרויסקייט פֿון דעם צדיק זי״ע.

דער הייליגער צדיק ר׳ דוד מטאלנא זכרונו לברכה, איז געוועזען זײַן שטייגער תמיד צו היילען כל מיני חולאים וואָס זענען געקומען צו איהם נאָר מיט קמיעות, און אויך פֿיעל וואָס האָבען געהאַט אין זיך אַ רוח רעה ר״ל אָדער אַגלגול נשמה פֿלעגט ער טוהן כל מה שבכחו זיי אויסצוהיילען ביז זיי זענען אַהיים געפֿאָהרען געזונד כאחד אדם, איינמאָל האָט זיך געטראָפֿען אַ מעשה אין אַדאָרף נעבען לעטישוב פּאָדאָליע ניט ווייט פֿון מעזיבוז דאָס אַ יונגער מאַן אַ בן תורה איז געגאַנגען אויף אַ פֿעלד אין די צייט פֿון שניט צו זעהן ווי מען שניידט די תבואה נעבען דעם דאָרף. האָט ער זיך דאָרטען אַביסעל געראַנגעלט מיט אַ ערל און איז צוריק אַהיים געגאַנגען זייער מיעד און דערשוויצט און עס האָט זיך איהם געדאַכט דאָס אַ פֿײַערדיגע זאַל פֿליהט אין אויר קעגען זײַנע אויגען און ער איז אַהיים געקומען און איז געוואָרען משוגע, דער פֿאָטער פֿון דעם בחור האָט געהייסען שמואל, אַז דער ר׳ שמואל האָט געזעהן דאָס אומגליק וואָס האָט איהם געטראָפֿען מיט זײַן בחור האָט ער געברענגט דעם בחור קיין טאלנא צום הייליגען

צדיק

צדיק, אז זיי זענען אריין געקומען צום צדיק און איהם דערצעהלט די מעשה, האט דער צדיק געפרעגט דעם בחור ער זאל איהם זאגען ווי אזוי ער הייסט, האט דער בחור געענטפערט און האט געוויזען אויף דעם פאטער און האט געזאגט שמואל קען מיך גאנץ גוט, איך האב אויך געוואהנט אין דעם דארף ווי ר׳ שמואל וואהנט און מיין נאמען איז ר׳ משה קראטשינער עס איז שוין פינף יאהר צייט איך בין שוין נישטא אויף דעם עולם, און ביי מיין לעבין האב איך געטוהן דריי זייער גרויסע עבירות וואס דורך זיי האב איך נישט קיין רוה און קען נישט קומען אויף מיין ארט און פיער יאהר בין איך געווען בגלגול בהמה טמאה, איז מיר זייער שלעכט און ביטער געווען, און ביז יעצט האב איך נית געהאט קיין מנוחה ביז מען האט מיר געגעבען רשות אריין צוקומען אין גלגול פון דעם בחור און דאס זענען די עבירות וואס איך האב עובר געווען, איך האב געקויפט א בהמה מיט ר׳ שמואל׳ן בשותפות אויף א מסחר האבען מיר געשחט׳ן די בהמה איז זי טריפה געווארען האט ר׳ שמואל פארקויפט זיין חלק אויף טריפה פלייש און איך בין געפאהרען אין שטאדט אריין און האב פארקויפט מיין חלק פלייש פאר בשר כשר, דאס צווייטע אז די יודען פון דעם דארף האבען זיך געבויט א בית המדרש אין דארף בין איך געגאנגען צום דעם גלח און האב איהם געהייסען נעמען געלד ביי די יודען פאר דעם לייִם וואס די יודען נעמען אין דעם דארף צום בית המדרש האט דער גלח גענומען ביי זיי געלד פאר דעם, און דאס דריטע האב איך אליין פארברענט דאס בית המדרש, און פאר די דריי עבירות האב איך נית קיין תקומה, אויך האב איך איין קינד און בשעת איך בין געשטאר־בען איז דאס אלט געווען צעהן יאהר האט ער נית געוואלט זאגען קיין קדיש נאך מיר און וואס פאר א פעולות מען האט אלעם געטוהן האט ער נית געוואלט ביי קיין שום אופן זאגען קיין קדיש און מן השמים האט מען פארשלאסען דאס מויל פון דעם זוהן ער זאל נית זאגען קיין קדיש כדי איך זאל נית האבען קיין שום תיקון חס ושלום אזוי האט דערצעהלט דער רוח וואס איז געווען אין דעם בחור צום הייליגען צדיק מטאלנא, און דער ר׳ שמואל איז זייער דערשראקען געווארען פון דעם און ער האט זיך אויך דערמאנט אין די גאנצע מעשה מיט דעם משה קראטשינער און האט אלעם בפרטיות דער־צעהלט פאר דעם הייליגען צדיק, האט זיך דער צדיק אזוי אנגערופען צו דעם ר׳ שמואל׳ן ער זאל לעת עתה געהן מיט דעם בחור אויף די אכסניא נעכטיגען און מארגען וועט מען זעהן וואס צו טוהן, איז ער מיט דעם בחור אוועק געגאנגען אויף די אכסניא נעכטיגען ביי נאכט איז דער בחור אויף די אכסניא זייער ווילד געווארען און האט געטוהן מעשים מסוכנים, איז דער ר׳ שמואל ביי נאכט אריבער געלאפען מיט אגרוים געוויין צום צדיק ער זאל אויף איהם רחמנות האבען און אויס הייל׳ען דעם זוהן, דערווייל איז דער בחור אויף די אכסניא אביסעל

אַנטשלאָפֿען געוואָרען, האָט דער צדיק געגעבען דעם ר׳ שמואל׳ן אַביסעל פֿײַערדיגע קוילען ער זאָל זיי אַרונטער לײגען אונטער דעם בעט ווי דער בחור שלאָפֿט, האָט ער אַזוי געטוהן, און ווי דער פֿאָטער האָט אַרונטער געשטעלט די קוילען אונטער דעם בחור׳ס בעט האָט זיך דער בחור תיכף אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף מיט אַגרויסע בהלה און זיי׳ער געשריגען דער רבי פֿאַר ברענט מיך און האָט זיך אָנגערופֿען צום פֿאָטער דו שמואל געה שוין צום רבי׳ן און זאָג איהם אויב ער גיט מיר נישט שוין אַ תיקון אַזוי דערשטיק איך באַלד דיין בחור, איז ער באַלד אַוועק צום רבי׳ן און איהם דאָס דערצעהלט וואָס ער האָט געזאָגט, האָט איהם דער רבי געענטפֿערט אַז מען מוז וואַרטען ביז מאָרגען פֿריה, און די נאַכט איז געוועזן זייער אַ שווערע פֿאַר דעם בחור ער האָט נישט גערוהט קיין איין רגע אַגאַנצע נאַכט נאָר מיט קולי קולות און מיט פֿאַרשידענע מעשים רעים האָט ער פֿאַרברענגט אַגאַנצע נאַכט, צו מאָרגענס אין דער פֿריה איז ר׳ שמואל מיט דעם בחור געקומען צו געהן צום צדיק האָט זיך דער צדיק אָנגערופֿען צו דעם בחור דאָס דער רוח זאָל אַרויס געהן פֿון דעם בחור דורך דעם קלײנעם פֿינגער פֿון די האַנד און זאָל איהם קיין שום שאָדען ניט טוהן און אַזוי איז געשעהן, און דער פֿאָטער מיט דעם בחור זענען נאָך געבליבען ביי דעם צדיק אויף שבת, שבת ביי דעם טיש האָט זיך דער צדיק אָנגערופֿען צו דעם בחור איך וועל דיר געבען אַ חלה פֿון מיינע י״ב חלות ווילסטו דאָס אַוועק געבען אַ מתנה צו דעם רוח, האָט דער בחור געענטפֿערט דאָס ער איז שוין זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרען פֿון דעם רוח און ער וויל נישט האָבען קיין שום עסקים מיט דעם רוח, און דער צדיק האָט געזאָגט צו ר׳ שמואל׳ן דאָס ער זאָל זעהן אַז דער יתום פֿון דעם ר׳ משה׳ן זאָל פֿון הײנט אָן זאָגען קדיש נאָך איהם גאַנצע עלף חדשים און באַלד נאָך די מעשה אויף די צווייטע נאַכט איז דער רוח געקומען אין חלום צו דעם בחור און האָט איהם געזאָגט ער זאָל זאָגען דעם צדיק אַז ער זאָל מתפּלל זיין פֿאַר איהם דאָס זיין נשמה זאָל קומען אין די האַנד אַריין פֿון אַ מלאך שבקדושה האָט דער בחור אַזוי געטוהן און האָט איהם מזכיר געוועזן פֿאַר דעם צדיק האָט דער צדיק איהם געענטפֿערט אַז ער וועט געוויס מתפּלל זיין פֿאַר איהם. און די מעשה איז מפורסם אין גאַנץ פּאָדאָליער גובערניע.

דער הייליגער גאון און צדיק הרב מלאדי ז״ל איז אַמאָל געקומען צו איהם אַ אשה עגונה ער זאָל איהר העלפֿען האָט ער איהר געהייסען פֿאָהרען קיין פּלאָצק און אויב זי וועט ווערען אויף דעם וועג זייער דאָרשטיג זאָל זי נישט טרינקען קיין וואַסער נאָר ביער איז זי אַוועק געפֿאָהרען קיין פּלאָצק אַז זי איז שוין געוועזן נעבען פּלאָצק איז זי געוואָרען אויף דעם וועג זעהר דאָרשטיג און האָט דאָרטען ניט געקריגען קיין ביער נאָר וואַסער האָט זי גיט געוואָלט טרינקען וואַסער

ווייל

ווייל דער צדיק האט איהר כא־באטען, האט מען איהר געזאגט אז א מייל ווייט פון דאנעט איז פאראהאן א הויף אין דארטען קען זי קריגען צו טרינקען ביער, און ווייל עס האט איהר זייער שטארק געדארשטען איז זי אוועק אין דעם הויף אריין און זי האט דארטען געקריגען ביער און האט אויך דארטען געטראפען איהר מאן וואס ער האט זיך שוין געהאט גע׳שמד פון כמה יאהרען און ער האט איהר איז פלאצק ביי דעם רב געגעבען א גט פטורין.

איין מאל איז געקומען איינער צום הייליגען מגיד מקאזיניץ ז״ל זייער אגרויסער מופלג בתורה און אגרויסער חכם, און איז געווען אגרויסער אביון און א מדוכה ביסורין ר״ל און זיין חכמה האט איהם גאר ניט געהאלפען און האט זיך מתנצל געווען פאר דעם מגיד הקדוש און האט געבעטען ביי איהם ער זאל איהם געבען עפעס א עצה וואס ער זאל טוהען כדי להחיות את נפשות אנשי ביתו, האט איהם דער מגיד געענטפערט דאס ער זעהט אז ער האט נישט קיין שום מזל והצלחה אין א מסחר ער זאל קענען עפעס מרויח זיין, נאר איין מסחר איז דא וואס אין דעם מסחר האט ער זייער אגרויסער הצלחה און קען ווערען פון דעם אגרויסער עושר האט זיך דער חסיד אנגערופען צום מגיד אז ער בעט איהם זייער ער זאל איהם זאגען וואס פאר א מסחר ער מיינט, האט איהם דער מגיד געענטפערט וואס וועט דיר ארויס קומען פון דעם אז איך וועל דיר זאגען וועלכען מסחר אז איך ווייס אז דו וועסט נישט וועלען עוסק זיין אין דעם מסחר, האט דער חסיד געענטפערט דעם מגיד דאס עס איהם זייער שלעכט וועט ער געוויס זיך ניט פארמיידען צוטוהן אלעס וואס נאר מעגליך איז, האט איהם דער מגיד געענטפערט איך וועל דיר מגלה זיין, דו זאלסט וויסען אז דו האסט זייער אגרויסע הצלחה אין עסק פון גניבה, איז דער חסיד געבליבען שטעהן זייער דערשראקען און האט זיך אנגערופען ווי אזוי קען איך האבען חשק צו דעם אז דאס איז קעגען רצון פון בורא עולם האט דער מגיד געזאגט צו איהם איבער דעם האב איך דיר פריהער געזאגט אז איך ווייס אז דו וועסט נישט וועלען טוהן דאס עסק און איך זאג דיר נאך אמאל אז איך זעה נישט קיין אנדערע הצלחה ביי דיר אין קיין שום עסק און די וועלט אחוץ ביי דעם עסק הגניבה וואס דיין הצלחה איז זייער גרוים הפלא ופלא, און דער חסיד איז אהיים געפאהרען בפחי נפש און דאס עניות האט זיך ביי איהם אלע מאל מעהר זיך געשטארקט ביז אזוי וויים עס איז אריבער עטליכע טעג און זיין ווייב מיט די קינדער האבען קיין ביסען ברויט ניט געהאט און האבען געוויינט פאר הונגער האט ער זיך מיישב געווען דאס פקוח נפש איז דאך דוחה שבת וואס איז א איסור מיתה פאר וואס זאל דאס נישט דוחה זיין דעם איסור גניבה וואס איז גרינגער ווי דער איסור שבת, איז ער ביינאכט געגאנגען און האט זיך בגניבה

ארוין

ארײַן געכאפט אין א קראם ארײַן און האט ארויס גענומען ניט מעהר ווי איין גילדען און האט געקויפט פאר דעם גילדען ברויט און האט זיך מחיה געווען מיט דעם ווײַב און קינדער און ער האט גערעכינט אז ווען השם יתברך וועט איהם העלפען וועט ער דעם גילדען אפגעבען דעם בעל הבית פון די קראם. צומארגענס אז דער בעל הבית פון די קראם איז געקומען און האט דערזעהן אז די טיהר פון געוועלב איז אפען האט ער זײַער געשריגען דאס מען האט איהם בײַנאכט בדלות געמאכט און גנבים זענען געווען בײַ איהם אין געוועלב אז ער איז אבער ארײַן געגאנגען אין געוועלב ארײַן און האט געזעהן די גאנצע סחורה ליגט און צו געגאנגען צום געלד האט ער געזעהן דאס עס פעהלט ניט מעהר ווי איין גילדען איז דאס געווען זײַער אגרויסע פלא בײַ יעדען וואס האט דאס געהערט, און דער חסיד האט זיך מתפרנס געווען מיט דעם גילדען עטליכע טעג, אז דער גילדען האט זיך שוין אויס געלאזט און ער מיט זײַן בני הבית האבען געליטען ווײַטער עטליכע טעג הונגער, איז ער נאך אמאל ארויס געגאנגען בײַ נאכט און האט שוין גיעפענט אאנדער געוועלב און האט אויך ניט מעהר גענומען ווי איין גילדען און האט זיך פאר דעם מתפרנס געווען עטליכע טעג אזוי האט ער געטוהן כמה פעמים ביז די זאך איז געווארען אגרויס פלא בײַ די גאנצע שטאדט לײַט פאר וואס דער גנב נעמט נישט מעהר ווי איין גילדען האבען זיי געשטעלט שומרים בײַ יעדען געוועלב היטען מען זאל חאפען דעם גנב, נאר עס איז איהם ניט מעגליך געווען צו חאפען אזוי ווי דער מגיד האט איהם געזאגט אז ער האט אין עסק הגניבה אגרויסע הצלחה, אזוי האט דאס אפגעדויערט זײַער אלאנגע צײַט און מען האט איהם ניט געקענט פאנגען ביז די זאך איז אנגעקומען צום שר העיר איז דעם שר אויך געווען די זאך אגרויס פלא וואס בײַ יעדען געוועלב שטעהן עטליכע שומרים און מען קען איהם נישט כאפען האט דער שר אזוי געזאגט איך וועל אלײַן נעהן בײַ נאכט איהם היטען אפשר וועט מיר לונגען איהם צופאנגען איז ארויבער עטליכע נעכט און האט איהם נישט געכאפט ווײַל ער איז גראדע אין די נעכט ניט געגאנגען ווײַל ער האט געהאט ברויט נאר אז דאס ברויט האט זיך בײַ איהם אויס געלאזט איז ער ווײַטער ארויס געגאנגען וויא זײַן שטײַגער איז און חאטש עס איז געשטאנען צו עטליכע שומרים בײַ יעדען געוועלב און גוט אכטונג געגעבען פון דעסטוועגען איז איהם געלונגען אויף צו עפענען א געוועלב און ארײַן צו געהן נאר נישט בעמערקט פון די שומרים, נאר דער שר אלײַן האט דאס בעמערקט ווי ער האט געעפענט א געוועלב און איז ארײַן איז דער שר אויך ארײַן נאך איהם אין דעם זעלבען געוועלב ארײַן האט דער שר געזעהן ווי ער עפינט דאס קעסטיל מיט דעם געלד און נעמט ארויס איין גילדען האט איהם דער שר אנגעכאפט בײַ די האנד און אגעשרײַ געגעבען צו איהם דו ביסט דער גנב פון די גילדינס

אין

אין דער שר איז געגאנגען אנגעטוהן ציוולנע קליידער כדי מען זאל איהם ניט דערקענען, און האט געזאגט צו איהם איך וועל דיך שוין נישט אפלאזען נאר מיר וועלען געהן צום שר פון די שטאדט וועט ער דיר שוין מקיים פסק זיין, האט ער זייער געבעטען איהם ער זאל איהם אפלאזען וויל עס וועט זיין פאר איהם זייער אגרויסער בזיון וויל ער איז דאך פון די נכבדי העיר און האט געזאגט צו איהם איהר זעהט דאך אז איך בין נישט קיין פראסטער גנב ווארום איך נעם דאך ניט מעהר ווי איין גילדען חאטש איך קען צונעמען אין גאנצען וויל מיין דעה איז נישט צו גנבה'נען נאר וויל עס איז מיר זייער שלעכט רעכען איך אז השם יתברך וועט מיר העלפין וועל איך אפגעבען די אלע גילדענס פון די ווי איך האב גענומען און האט זייער געוויינט פאר איהם ער זאל רחמנות האבען אויף איהם, האט דער שר זיך צו איהם אזוי אנגערופען איך זעה דאך אז די בישט אגרויסער מוצלח אין גניבה אויב דו וועסט דאס טוהן וועל איך דיך אפלאזען דאס איז אזוי דער שר פון די שטאדט האט געווינען דאס גרויסע געווינס אויף אענגלישע פרעמיע אבעטרעף פון עטליכע מיליאן און דער קאסטען מיט דעם געלד שטעהט אונטער זיין בעט ווי ער שלאפט און דאס חדר האט אקליין פענסטעריל ווי מען קען דארך דעם אריין אין דעם חדר אריין און אויב דו וועסט מיר ברענגען דאס געלד וועלען מיר זיך אנטיילען גלייך, האט ער זייער אנגעהויבען צו וויינען פאר איהם און האט געטענה'ט דאס ער זעהט דאך אליין אז ער איז נישט קיין גנב און וויל באמת נישט גנב'נען ווי אזוי זאל ער אזוינס געהן טוהן, האט זיך דער שר צו איהם אנגערופען אויב אזוי אז דו ווילסט נישט וועל איך דיר נעמען צום שר ער זאל דיך משפט'ן, אז דער חסיד האט געזעהן אז ער האט נישט קיין שום אנדערע עצה איז ער געוועזן געניים מסכים זיין צו דעם איז ער מיט דעם שר געגאנגען און דער שר האט איהם געוויזען דאס פענסטעריל אין דעם חדר אריין ווי דאס געלד ליגט דארט און איז תיכף צוריק ארויסגעקומען און האט זיך אנגערופען צום שר געלויבט איז גאט וואס האט מיך מציל געוועזן פון די גניבה, האט ער איהם געפרעגט מיט וואס. האט ער איהם דערצעהלט דאס ער האט געהערט ווי די צוויי משרתים האבען גערעדט צווישען זיך און איינער האט אזוי געזאגט צום צווייטען זעה אפצוהיטען דעם סם המות און מארגען אין דער פריה דאס אריין צו לייגען איהם אין די טיי אריין וועט דאס גאנצע געלד בלייבען ביי אונז וויל אין די גאנצע שטאדט איז ניטא קיינער ער זאל וויסען פון דעם געווינס, על כן איז מיין דעה מען זאל תיכף געהן צום שר און איהם דאס מודיע זיין ער זאל חס ושלום ניט טרינקען די טעה מיט דעם סם המות וועט ער אונז מסתמא רייך מאכען פאר דעם, אז דער שר האט דאס געהערט איז ער זייער דערשראקען געווארען פון דעם און האט זיך אנגערופען צו דעם חסיד געה דיר אהיים בשלום נאר גיעב מיר דיין היטעל האט ער איהם

איהם נעגעבען דאס היטעל און דער חסיד איז זיך אהיים געגאנגען מיט גרוים שמחה פון וואס ער איז ניצול געווארען פון די גרויסע גניבה, און דער שר איז אויך געגאנגען אהיים שלאפען נאר ער האט נישט געקענט שלאפען א גאנצע נאכט קיין איין רגע ווייל דאס הארץ האט איהם זייער געקלאפט פון די מעשה, און צו מארגענס אין דער פריה האט דער שר געהייסען זיינע משרתים זיי זאלען ארייין געבין טעה האבען זיי איהם תיכף ארייין געגעבען ווייל די טעה איז שוין געוועזען גרייט און ווי דער משרת האט איהם דערלאנגט דאס גלאז מיט די טעה האט ער זיך אנגערופען צום משרת ער זאל אליין אויס טרינקען דאס גלאז טעה האט דער משרת ביי קיין שום אופן ניט געוואלט טרינקען האט ער פארשטאנען אז די מעשה איז אמת האט ער דאס גלאז טעה אוועק געגעבען דעם הינד אויס צוטרינקען און ווי א דער הינד האט נאר אביסעל אפגעטרונקען איז ער אומגעפאלען טויט, האט מען די משרתים תיכף ארעסטירט און מען האט זיי געמשפט ווי עס קומט פאר דעם, און דער שר האט תיכף אריבער געשיקט רופען צו זיך די אלע גדולי העיר און האט זיי געוויזען דאס היטעל און געהייסען זיי דערקענען וועמענס היטעל דאס איז האבען זיי געענטפערט יוא זיי דערקענען דאס אין ווייסען ווער דאס איז האט ער צו זיי געזאגט אט דאס איז טאקי דער זעלבער גנב פון די גילדענס האבען זיי זיך צו איהם אנגערופען אז עס איז גאר ניט מעגליך אז ער זאל דאס טוהן ווייל דער מענש איז א איש כשר וישר און איז אגרויסער חכם און אויך אגרויסער מיוחס. האט ער זיך צו זיי אנגערופען מען זאל איהם רופען צו איהם תיכף האבען זיי געשיקט נאך איהם און ער איז געקומען צו געהן זייער צו בראכען ביי זיך, האט זיך דער שר צו איהם אנגערופען דו דערקענסט דאס היטעל וועמענס דאס איז האט ער איהם געענטפערט יוא עס איז מיינס האט זיך דער שר אזוי אנגערופען צו איהם מיין פריינד אזוי ווי איך האב געהערט פון די טובי העיר ביסטו זייער א ארענטליכער מענש איז דאך אבער א פלא ווי קומט דאס צו דיר דו זאלסט געהן טוהן אזעלכע זאכען, זעה איך דאך בחוש אז מן השמים איז דאס אלעס געשעהן כדי מיך מציל צו זיין פון טויט און האט איהם דערציילט די גאנצע מעשה מיט די משרתים, על כן איז אזוי מיט דעם דין אין על פי יושר ברויך צו זיין אז דאס גאנצע געלד מיינס פון געווינס זאל זיין שייך בלויס צו דיר ווארום פאר מיר איז גענוג וואס איך בין ניצל געווארען פון דעם ביטערען טויט נאר פון דעסטוועגען וועלען מיר זיך צוטיילען גלייך און האט איהם אוועקגעגעבען א העלפט פון דעם גרויסען געווינס און עס האט באטראפען א האלבען מיליאן פונט שטערלינג אין דער חסיד האט דערנאך בעצאהלט די אלע גילדינס אין די געוועלבער ווי ער האט געהאט גענב׳ט, און דער חסיד איז געבליבען אגרויסער גביר כל ימיו און איז געוועזען אגרויסער בעל צדקה אין האט עוסק געוועזען בתורה ועבודה כל ימיו:

דער

דער הייליגער צדיק ר׳ נחום מטשארנאביל ז״ל איז אמאל געקומען אין א שטאדט אריין האט ער זיך געוואלט טובל זיין אין א מקוה האט מען איהם געזאגט אז עס געפינט זיך גאר נישט דא קיין מקוה ווייל דאס ארט שטייט אויף א בארג ברויך מען האבען זייער פיעל געלד צו מאכען א מקוה אין די שטאדט לייט זענען ארימע לייט און זענען ניט בכח דאס צו מאכען, האט זיך דער צדיק אנגערופען צו זיי אפשר געפינט זיך ביי אייך חאטש איין גביר וואס זאל וועלען אפקויפען ביי מיר מיין גאנץ חלק עולם הבא וואס איז מוכן פאר מיר פון דעם טאג וואס איך בין געבוירען געווארען ביז דעם היינטיגען טאג איז געקומען צוגעהן איינער א עושר און האט איהם געגעבען דריי הונדערט רובל פאר זיין חלק עולם הבא אין גן עדן און האט דאס מקנה געוועזען מיט א קנין אגב סידור על פי הלכה און דער צדיק האט די דריי הונדערט רובל אוועק געגעבען די שטאדט לייט זיי זאלען פאר דעם געלד מאכען א מקוה אין א בית הטבילה און אזוי האבען זיי געטוהן זכותו יגן עלינו.

אין ספר **רמתים צופים** שטייט אז ר׳ שמואל שינאווער ז״ל האט געהערט פון הרב הצדיק רבי ר׳ יצחק מנעשחיז זצללה״ה וואס ער האט געהערט פון הייליגען רבי ר׳ לוי יצחק פון בארדיטשוב זצללה״ה אז אין דער צייט ווי דער בעש״ט איז נאך געוועזען פון די בעהאלטענע מענטשען איז ער געוועזען איין בעהלפער צו קליינע קינדער ביי איין בעל בית איז דער בעל=בית געפאהרען צו איין רבין האט דער בעש״ט געוואלט מיט מיט איהם אין דער בעל בית האט איהם נישט געוואלט מיט נעמען איז ער אויף געזעסין אויף דעם ברעט וואס עס שטאנט ארויס פון וואגען כדי דער בעל=בית זאל איהם נישט זעהן האט געווארפען אעכו״ם קטן א שטיין דעם בעש״ט און האט איהם געגעבען א שטארקען קלאפ אז דאס בלוט איז פון איהם געגאנגען נאר עס האט דאך קיינער נישט געזעהן צוריק פאהרענדיג דורך דעם זעלבען דארף האבען זיי געזעהן עס האט זיך פארזאמעלט אגרויס פאלק אהן א צאל אויף דעם זעלבען ארט ווי מען האט געווארפען דעם שטיין אז דער זעלבער וואס האט געווארפען דעם שטיין איז געווארען אנגע=זונקען אין דער ערד אין וואס מען וויל איהם ארויס ציהען פאלט ער מיין אריין אין דאס פאלק האט נישט געלאזט א דורך פאהרען מען זאל זיי איין עצה געבען ווי אזוי מען זאל איהם קענען ארויס ציהען פון דער ערד. דער בעש״ט אזוי ווי ער האט דאס געזעהן איז ער אראב און געזאגט צו איהם זאגסט צו אז די וועסט קיין יוד שוין מיין קיין שטיין נישט ווארפען האט ער צו געשאקעלט מיט דעם קאפ מחמת ווייל רעדען האט ער נישט געקענט אין תיכף איז ער ארויס געגאנגען פון דער ערד געזונד ווי אלע מענטשען.

נאך

נאָך ווערט געברענגט און רמתים צופים אַ מעשה פליאה פון בעש״ט.

אין דער צייט וואָס הגאון בעל פני יהושיע איז געוועזן רב אין לעמבערג איז דער בעש״ט געוועזן אַ מלמד תינוקת אין אַ דאָרף נעבין לעמבערג נאָר ער האָט אַליין זיך געפיהרט בעהאַלטען מיט זיינע גוטע מעשים און ער איז אין דעם דאָרף געוועזן אַ בעל תפלה אין שבת האָבען זיך דאָס מנין איין געזאַמעלט און דער בעש״ט האָט מיט זיי געלערינט פאַר ר״ה האָט דער בעש״ט געזאָגט סליחות האָבען זייא פאַר לאַנגט פון איהם אפשר וועט ער דאַווינען ר״ה אויך האָט ער זיי צו געזאָגט האָט ער ביי זיי געדאַוועט שחרית ומוסף אין געבלאָזען שופר די שטאָט׳ס מענשען פון לעמבערג האָבען פיל תרעומות געהאַט היתכן דאָס דאָרף זאָל זיך מאַכען ר״ה אַ באַזונדער מנין און גאָר נישט צו דארפען קומען אין שטאָדט אַריין (אין די שטאָדט זאָל גאָר נישט קענין פאַר דינען עפּים ביי זיי אַזוי וויא דער שטייגער איז) איז געבליבען ביי די שטאָדט לעמבערג אַז אויף יום כיפור וועלין זיי דאָך זיכער קומען וועלין מיר זיך שוין אָב רעכענען מיט זיי נאָר מן הסתם האָבען די בעלי בתים פון דאָרף דאָס באַלד געוואָהר געוואָרען האָבען זיי יום כיפור אויך געדאַווינט אין דאָרף אין דער היילינגער בעש״ט האָט אַליין זייא געדאַווינט איז געבליבען איין עצה צווישען די מענטשען פון שטאָדט לעמבערג און מען האָט געשריבען אין אַלע שטעדט וואָס נעבען לעמבערג אַז מען זאָל די דאָרפס מענטשען נישט פאַרקויפען קיין אתרוג אויף סוכות דאָ האָבען זיי שוין קיין עצה נישט געהאַט נאָר געמוזט קומען קיין לעמבערג האָט מען זיי אַרויס געגעבען איין פסק אַז די דאָרפס לייט מיט דעם חזן זאָלען אָן טאָהן הקוטיל וטלית אין יום טוב קליידער אין גיין באָרוויס צום הויז פון רב הייני הבעל פני יהושיע אין פון דעם הויז אין שול אַריין און דער חזן זאָל דאַוועגען אַלע תפלת פון ר״ה ויו״כ מיט די אייגענע ניגונים פון ר״ה ויו״כ און אויב ער וועט אַליין קענען אַזוי ווי אַ חזן וועלין זיי צו זיי נאָר נישט האָבען און אויב ער וועט נישט קענען וועלין זייא אַרויס געבען אַ פסק דאָס אַרץ איז אַזוי מקוים געוואָרען די בושה איז זייער גרויס געוועזן אַלע קליינע קינדער זענען נאָך געלאָפען אין דער בעש״ט הקדוש האָט געדאַוועגט ביי דעם עמוד תיבה בתיבה ביז דער בעש״ט איז צו געקומען צו ברכת אבות האָט דער בעש״ט אוים געריפען ווער עס האָט נישט קיין תשובה געטוהן אויף די עבירות וואָס האָט געטוהן אין דער יוגנענד זאָל דאָ נישט זיין בשעת איך וועל דאַוועגען ברכת אבות האָבען זייא נאָך מיין געלאַכט נאָר וויא דער בעש״ט הקדוש האָט אָנגעהויבען ברכת אבות זענען אַ סאַך חלשות געבליבען איז געוואָרען אַגרויסער רעש אין דער רב דער פני יהושע האָט געשיקט נאָך דעם בעש״ט אין דער פני יהושע איז געזעסען אין

טלית

שליח תפילין ווי דער בעש"ט איז אַריין געקומען האָט באַלד דער פּני יהושיע געזאָגט מען זאָל איהם תיכף אָבלאָזען.

איין מאָל איז דער בעש"ט געווען אין איין שטאָדט אין דער רב פון דער שטאָדט איז געווען אַגרויסער מענש נאָר ער האָט נישט געגלייבט אין בעש"ט נאָר אַזוי ווי ער האָט געהערט די אותות ומופתים וואָס מען פאַרציילט פון בעש"ט האָט דער רב זייער געגליסט צו זעהן דעם בעש"ט און צו רעדען מיט איהם נאָר איבער זיין כבוד האָט ער נישט געוואָלט אַהין גיין צום בעש"ט מחמת ער איז דאָך דער שטאָדט'ס רב איז נישט ע"פ הדין ער זאָל גיין צו איהם האָט מען פאַרציילט דעם בעש"ט האָט ער געזאָגט ער וויל נאָך איך זאָל צו איהם גיין? אין אַ צייט אַרום איז דער רב געגאַנגען צום בעש"ט אין אַזוי ווי דער רב איז אַריין געקומען אין בעל שם'ס חדר אַריין איז דער בעש"ט נישט געווען נאָר איין פרוי איז געשטאַנען איין עגונה אין געוואַרט אויף דעם בעש"ט אַזוי ווי דער בעש"ט איז אַריין געקומען און גענומען די כלי צו וואַשען זיך האָט די אשה עגונה זייער אָהן געהויבען צו וויינען מיט אַ ביטער געוויין דער בעש"ט זאָל איהר זאָגען וועגען איהר מאַן האָט איהר תיכף דער בעש"ט געענטפערט דער מאַן איז אין דער שטאָדט פאָהר תיכף אַהין די וועסט איהם דאָרט טרעפען דערנאָך האָט זיך דער בעש"ט געוואַשען האָט דער רב געפרעגט דעם בעש"ט אַז איהר זאָגט דברי נביאות איז דאָך גלייכער אַז דער בעש"ט וואָלט זיך געוועזן פריהער געוואַשען דער נאָך געזאָגט דברי נביאות האָט דער בעש"ט געענטפערט איך וועל אייך זאָגען אַ משל ביי אייך אין שטוב אויף דעם טיש וועט שטיין גלעזענע כלים זייער טהייערע אין עופות (הינער) פליהען ווילען צו ברעכין די כליב צו וועט איהר וואַרטען ביז איהר וועט זיך וואַשען דער נאָך אַראָב טרייבען די עופות? צו פאַר'ן וואַשען וויל איהר וועט מורא האָבען דערווייל וועלין זיי צו ברעכען די כלים אַזוי דאָ איך זעה ב"ה. איהר מאַן איז אין דער שטאָט אַזוי ווי איהר זעהט דעם טיש מיט די כלים און די פרוי שטייט מיט אַ ביטער געוויין און שרייט ווי איז מיין מאַן ווי אַזוי קען איך וואַרטען ביז איך וועל מיך וואַשען דערנאָך ענטפערען איבער דער צייט זאָל זי האָבען אַזעלכע יסורים ר"ל וואָס זי קען נישט אויס האַלטען אין דער מיט וואָס איך האָב איהר געענטפערט האָב איך זי מחי' געווען.

איין

אַ וואונדערליכע מעשה פון בעש״ט.

איין מאָל ערב שבת גאַנץ פֿריה ווי דער בעש״ט האָט אָב געדאַווענט האָט ער געזאָגט צו זיינע 2 תּלמידים ר׳ דוד לייקעס ור׳ דוד מיקאָליעווער זצללה״ה גרייט זיך צו תּיכף און זייט געוואָרענט צו דער נסיעה וואָס איך וועל אייך יעצט שיקען האָבען זיי איהם געפֿרעגט צו זיי וועלין בעדאַרפֿען צו רוהען שבת אויף דעם וועג האָט ער געענטפֿערט יאָ האָבען זיי מיט גענומען די קליידער פֿון שבת אין געפֿרעגט האָבען זיי איהם נישט ווי אַהין מען זאָל פֿאָהרען און נאָך וואָס. זיי זענען שוין אַזוי געוועזען געלערינט זיך נישט צופֿרעגען נאָר צו פֿאָלגען מחמת גרויס אמונה וואָס זיי האָבען געהאַט און מען האָט געהייסען שפּאַנען דיא פֿערד אין געפֿאָהרען אין וועג האָבען זיי געהאַט קפיצת הדרך. אַזוי זענען זיי אָפּ געפֿאָהרען אַווייטע שטרעקע אין די פֿערד זענען אַזוי כּסדר גיגאַנגען, ביז זיי זענען אָהן געקומען צו אַ שטאָדט און האָבען זיך אַליין אָפּ גישטעלט אין דיעזע שטאָדט ביי אַגעוויס־הויז דאַן האָבען זיי פֿערשטאַנען אַז זיי ברויכען דאָ שבת האַלטין זיי זענען אַריין געגאַנגען אין שטוב האָבען זיי דאָרט גיזעהן איין אַלטען מאַן מיט זעהר אַ הדרת פּנים, אין שטייט גרייט צו גיין אין ביהכנ״ס דאַווענען, האָבען זיי פֿאַרשטאַנען אַז דאָס מיז זיין דער רב פֿון שטאָדט, און דער רב האָט זיי געגעבען שלום, און האָט זיי געפֿרעגט פֿון וואַנען זיי זענען האָבען זיי איהם געזאָגט פֿון מעזיבוז האָט ער זיי געפֿרעגט אין וועלכע מדינה דאָס איז דען עס איז געוועזען זעהר ווייט און ער האָט קיינמאָל ניט געהערט דעם נאָמען מעזיבוז, האָבען זיי איהם געזאָגט ווי דאָס איז. האָט ער זיי געפֿרעגט ווען זיי זענען אַרויסגעפֿאָהרען פֿון דאָרט האָבען זיי איהם געענטפֿערט אַז היינט אין דער פֿריה איז עס איהם געוועזען אַשטאַרק וואונדער, נאָכהער האָבען זיי איהם געבעטען אַז ער זאָל וואַרטען אויף זיי מיט דעם גיין דאַווענען ביז זיי וועלען קומען פֿון מקוה, האָט ער זיי צו געזאָגט, דען ער האָט אָהן זיי דערקאָנט אַז זיי מוזען זיין גרויסע לייט זענען זיי געגאַנגען אין מקוה אַריין, דערוויילע האָט זיך דער רב אַנידער געזעצט אין דער היים זאָגען שיר־השירים, אינדעם איז געקומען דער שמש פֿון שוהל, און האָט איהם געזאָגט אַז גאַנץ קהל וואַרט אויף איהם מען ווייסט נישט די מעשה פֿאַר וואָס ער איז ניט געקומען אויך האָט ער איהם געפֿרעגט פֿאַר וואָס ער זאָגט היינט שיר־השירים אין דער היים ניט אין שוהל ווי אַלע מאָל, האָט איהם דער רב געענטפֿערט עס איז צו מיר געקומען צוויי בכבוד׳ע מענשען האָבען זיי מיך געבעטען איך זאָל וואַרטען אויף זיי ביז זיי וועלען קומען פֿון מקוה, דערוויילע זענען זיי געקומען פֿון מקוה, זענען אַלע גלייך גיגאַנגען אין שוהל אַריין און ר׳ דוד מיקאָליעווער פֿלעגט זיך פֿיהרען אַז ווי ער איז געקומען פֿלעגט ער דאַווענען פֿאַר׳ן עמוד, האָט ער זיך דאָס

אויך

אויך אַנידער געשטעלט פאַר דעם עמוד אין האָט קיינעם ניט געפרעגט. און ביי מנחה האָט ער געזאָגט הודו און ידיד נפש, אַזוי ווי דער בעש״ט, אין די שטאָדט פלעגט מען ניט זאָגען די מזמורים פרייטאָג פאַר מנחה. הגם עס האָט זיי זעהר פערדראָסען וואָס ער האָט זיך געשטעלט פאַר דעם עמוד דאַוונען און האָט קיינעם געפרעגט אויך פאַר וואָס ער האָט געזאָגט די מזמורים פאַר דעם דאַוונען פון דעסט וועגען אַז זיי האָבען געזעהען זיין התלהבות בעת דעם דאַוונען האָבען זייא איהם גאָר ניט גירעדט, נאָך דעם דאַוונען האָט דער עולם געפרעגט ביי דעם רב ווער זיי זענען. האָט ער זיי דערציילט אַז זיי זענען פון מעזיבוז, האָבען זיי אַלע געזאָגט אַז זיי האָבען נאָך קיין זאַ נאָמען ניט גיהערט, אין אַז דער רב האָט זיי דערציילט דאָס זיי זאָגען זיי זענען היינט אַרוים געפאָהרען פון דאָרט איז ביי זיי אַלע געוועזין אַ פלא. דען זיי האָבען פאַרשטאַנען אַז עס מוז זיין זעהר וויים האָבען זיי ניט פערשטאַנען ווי אַזוי קאָן מען אָפּ פאָהרען אַזאַ שטרעקע אין איין טאָג. נאָכהער זענען זיי אַהיים געגאַנגען מיט דעם רב דער רב האָט זיך געזעצט לערנען אין אַבעזונדער שטיבעל, און זיי האָבען געזאָגט שלום-עליכם דער וויל האָט די בני-בית פון רב געהערט ווי איינער פרעגט זיך דעם צווייטען און וואָס פאַר אַ ענין איז יעצט דער רבי עוסק און דער צווייטער האָט איהם געענטפערט. אַזוי איז געוועזען עטליכע מאָל, דער נאָך איז דער רב געקומען צו זיי אין שטיבעל אַריין האָבען זיי געמאַכט קידוש. און זיי האָבען געגעסען סעודת שבת אין דער רב האָט געזאָגט תורה ביי דעם טיש, האָט ער אויך געהערט ווי איינער פרעגט דעם אַנדערין אין וואָס איז יעצט דער רבי עוסק און דער צווייטער האָט איהם געענטפערט איז דאָס ביי דעם רב געוועזען אַ גרויסע פלא דעם גלייכען און דער פריה ביי די סעודה, האָט ער אויך דאָס זעלבע גיהערט אין דעם גלייכען ביי שלש סעודות דער נאָך האָבען זיי גידאַווינט מעריב אין געמאַכט הבדלה זענען זיי אַריינגעגאַנגען צום רב זיך געזעגנען, וואָרום זיי ווילען שוין אַהיים פאָהרען קיין מעזיבוז, האָט זיי דער רב געבעטען זיי זאָלען בלייבען נעכטיגען. האָבען זיי ניט געוואָלט, האָט ער זיי געבעטען זיי זאָלען כאָטש בלייבען ביי איהם איבער מלוה מלכה האָבען זיי איהם געענטפערט, אַז זיי רעכענען נאָך צו קומען אי״ה קיין מעזיבוז צו מלוה מלכה צו זייער רבי צום בעש״ט דער רב ווייטער איז זעהר נתפעל געוואָרען גאַנץ שבת פון זיי בפרט נאָך אַז זיי האָבען איהם דערצעהלט די גרויסקייט פון זייער רבי׳ן דעם בעש״ט הקדוש, אין אויך יעצט אַז זיי האָבען איהם געזאָגט אַז זיי רעכינען נאָך אַהיים צו קומען צו די מלוה מלכה האָט ער צו זיי געזאָגט איך גלייב אייך ניט דאָס כל-זמן איך וועל ניט מיט פאָהרען מיט אייך און וועל אַליין זעהען, האָבען זיי צו דעם מסכים געוועזין דען זיי האָבען פאַרשטאַנען אַז וועגען דעם האָט זיי זיכער דער בעש״ט געשיקט וואָרום קיין אַנדערע זאַך האָבען זיי דאָך

דאָרט

דאָרט ניט אויף געטויג, האָבען זיי אָנגעהויבען דעם רב צו צו הילען אז ער זאָל שוין פאָהרען. האָט ער זיי געענטפערט אַז ער מוז פריער נעמען רשות פון פרנס העיר, דער נאָך האָט ער זיי געזאָגט אַז ער מוז פריער עסען מלוה=מלכה, דען ער גייט ניט אַרויס אפילו קיין טריט פון זיין שטוב פאַר מלוה=מלכה, האָבין זיי געוואַרט ביז ער האָט אָפּ גיגעסען זענען זיי געפאָהרען מיט קפיצת=הדרך, האָט דער רב זיך אָהן גירופען צו זיי אַז ער קאָן ניט פערליידען קיין זאַ קפיצת=הדרך וואָרום ער איז דאַמיט ניט געוואוינט, האָבען זיי געוואָרפען אויף איהם אַ שלאָף. און ער איז אַנטשלאָפין געוואָרען ביז זיי זענען גיקומען קיין מעזעבוז, דאַן האָבען זיי איהם אויף געוועקט און האָבען איהם גיזאָגט אַז זיי זענען שוין אין מעזעבוז, האָט דער רב זיך גיוואַשען די הענד און האָט גינומען שלום ביים בעש״ט, און דער בעש״ט איז דאַן גיזעסען מיט זיינע תלמידים ביי מלוה=מלכה, האָט דער בעש״ט גיזאָגט צו דעם רב, חאָטש איהר האָט שוין גענעסען אין דער היים מלוה=מלכה דאָך פאַרלאַנג איך אַז איהר זאָלט נאָך אַמאָל עסען ביי מיר, האָט ער זיך גיוואַשען און גענעסען, נאָך מלוה=מלכה האָט דער בעש״ט אַריין גערופען דעם רב אין אַבעזונדער שטיביל, און האָט איהם גיזאָגט אַז ער זאָל אַ צוואה לאָזין, דען ער וועט באַלד שטאַרבען, האָט דער רב אָן גיהויבען שטאַרק צו וויינען, און זאָגט צו בין איך דען אַהער גיקומען שטאַרבין, יאָ האָט איהם דער בעש״ט גיענטפערט, און האָט איהם אָהן גיהויבען שטאַרק צו וואָרינען, אַלזאָ באַלמוטשע ניט מאַך דיך פאַר ברייטיג די זאָלסט חלילה ניט שטאַרבין אָהן וידוי און תשובה, אַלזאָ גרייט אָהן אַצוואה אַ היים און זאָלסט זי ליינין צו קאָפּין אונטער'ן קישין, און בלי ספק וועל איך זיי שוין אַ היים בעזאָרגען נאָכהער האָט דער בעש״ט גיהייסען ר׳ דוד מיקאַליייעווער, ער זאָל איהם געבען אַסטאַנציע און אַמשרת וואָס זאָל איהם באַדינען, אין דער רב האָט גיטוהן אַזוי ווי דער בעש״ט האָט איהם גיהייסען און האָט דעם משרת גיהייסען אַריין ברענגען אַפּעדער און פּאַפּיער מיט טינט, אין האָט פאַר מאַכט די טהיר און האָט גישריבען אַהיים אַ צוואה, אַזוי ווי ער האָט אָהן געשריבען די צוואה האָט ער באַלד דערשפּירט אַז די כחות געהן איהם אויס האָט ער אָהן גיהויבען צו שרייען שמע=ישראל מיט דעם גאַנצען כח, אַזוי ווי ער האָט גיענדיגט שמע=ישראל ביז אחד, איז איהם די לעצטע כוחות אויס גיגאַנגען און איז נפטר געוואָרען ווי עס איז גיקומען און דער פריה עס איז אַדורך גיגאַנגען דער זמן ק״ש אין דער משרת האָט גיזעהען אַז דער רב מאַכט ניט אויף האָט ער אָהן גיהויבען שטאַרק אָהן צו קלאַפּען און טהיר נאָר מען ענטפערט ניט דאַן האָט ער גענומט צו ברעכען די טהיר, ווי ער איז אַריין גיקומען האָט ער דער זעהן אַז דער רב איז נפטר גיוואָרען איז ער גילאָפען און האָט דערציילט ר׳ דוד מיקאַליייעווער און ר׳ דוד האָט דאָס דערציילט דעם בעש״ט, האָט דער בעש״ט איהם געזאָגט

גיזאָגט איך ווײס מײַן קינד פון דעם. און דאַדורך האָב איך אײך אַהין גישיקט יעצט זעה אַז מען זאָל איהם זײַן רעכט טוהן אין זאָלסט איהם אָהן טוהן אַ כבוד און בשעת עס וועט זײַן די לוי׳ זאָלסטו מיר זאָגען, איז ר׳ דוד געגאַנגען און האָט איהם זײַן רעכט געטוהן און בשעת די לוי׳ האָט ער געזאָגט דעם בעש״ט איז דער בעש״ט אַרויס געגאַנגען צו די לוי׳ און האָט זיך אַנידער געשטעלט בײַ די מטה און האָט גיזאָגט צום נפטר בזה״ל, הער אוים וואָס איך וועל דיר זאָגען, זאָלסט וויסען אַז דרײַ מאָל ביזטו שוין גיוועזען אויף די וועלט, בײַ דעם ערשטען מאָל האָסטו גילעבט 80 יאָהר, און ביזט שטענדיג גיזעסען און גילערינט און געדאַווע׳נט און האָסט גיטוהן מצות און מעשים־טובים, נאָר פאַר דעם טויט ביזטו געוואָרען אַ פושע־ישראל און האָסט געלײקענט אין גאָט האָט דאָס בית־דין־של־מעלה געפסק׳נט אַז די מוזט נאָך אַמאָל מגולגל ווערין, און בײַ דעם צווײטען מאָל ביזטו געוועזין אַזוי ווי פריהער האָט דאָס ב״ד־של־מעלה ווײטער גיפסקנ׳ט אַז די זאָלסט אַ דריט מאָל מגולגל ווערען, אין אויך יעצט האָסטו געלערינט אַ סאַך תורה און געטוהן מצות און מעשים טובים, נאָר איך ווײס ווי זײ זענען אַהין נעקומען אַלזאָ האָב איך אויף דיר רחמנות געהאַט, דען אויב בײַ דעם דריטען מאָל ווערסטו שטאַרבען אָהן תשובה ווערסטו שוין קײן תקוה ניט האָבען אַלזאָ האָב איך דיך אַהער געברענגט כדי די זאָלסט פריהער תשובה טאָהן בפאַר די וועסט שטאַרבען אין יעצט קענסט גאָהר ניט האָבען אויף מיר קײן תרעומות. דען איך האָט געמײנט דײַן טובה כדי עס זאָל דיר גוט זײַן.

אין ספר כתר שם טוב שטײט, עס איז אַמאָל געוועזען אַגרויסער צדיק, וועלכער איז אַלאַנגע צײַט שלאַף געוועזען לא עלינו, און אַלע מאָהל ווען דער בעש״ט פלעגט דאָרט אַדורך פאָהרען, פלעגט ער אָפּ געבען דעם בעש״ט אַ קוויטל מיט אַ פדיון אונד עס האָט איהם גאָהר ניט גיהאָלפען ער איז ניט געזונד געוועהן אײן מאָל האָט דעם בעשט׳ס אַ תלמוד זעהר געבעטען דעם בעש״ט, ער זאָל בעטען אויף דעם מענש דען ער וואַר אַגרויסער צדיק, און די וועלט איז זעהר שטאַרק מתרעם אויף דעם בעש״ט, ער נעמט בײַ איהם אַלע מאָל פדיונות. און העלפט איהם ניט, האָט דער בעש״ט איהם געענטפערט זאָל ער נאָך זײַן אַ ביסעל שלאַף און ליגען צו בעט האָט דער תלמוד אָנגיהויבען שטאַרק צו בעטען דעם בעש״ט ער זאָל איהם זאָגען פאַר וואָס דאָס איז האָט איהם דער בעש״ט געענטפערט זאָלסט וויסען מײַן קינד אַז אין וואַלד איז דאָ אַ חברה רשעים גזלנים, וועלכע ווילען שלעכטס טוהן יודען, און ער מיט זײַנע יסורים האַלט דאָס אויף, אין יעצט האָט מען אַרויסגעשיקט סאָלדאַטען צו חאַפּען זײ אין דרײַ טאָג אַרום וועט מען זײ חאַפּען און מען וועט זײ ברענגען געבונדען אין קײטען, דאַן וועט דער מענש ווערען געזונד ווי אַמויער אין אַזוי איז געוועןן, אין דרײַא

טאָג אַרום האָט מען זיי גיבּרענגט געבּונדען און שטאָט אַריין איז יעדער געגאַנגען זיי זעהן האָט ער זיך אויך אויף גיהויבּען און געגאַנגען זעהן פון דענסטמאָל איז ער שוין געזינד געוואָרען.

דער הייליגער צדיק רבינו ר׳ ברוך ממעזעבּוז אַ אייניקעל פון בעש״ט הקדוש האָט דערציילט די מעשה, די באַוואוסטע צדיקים די ברודער ר׳ יוסף מקאמינקא אונד ר׳ יצחק סופר ממעזריטש ז״ל, און זיי זענען געוועזען דעם בעש״ט תלמידים, און זיי האָבּען געהאַט נאָך אַבּרודער וועלכער האָט געהייסען ר׳ שמואל וואָס האָט ניט געגלייבּט אין בעש״ט און דער בעש״ט האָט זעהר גיוואָלט ער זאָל פאָהרען צו איהם. האָט ער געבּעטען די צוויי ברודער אַז זיי זאָלען פּרובּען פועלען ביי איהם נאָר עס האָט ניט געהאָלפען, אין אַצייט איז ר׳ שמואל שלאַף געוואָרען ער איז געוועזין שטאַרק מסוכן אַלע דאָקטוירים האָבּען איהם שוין אָפּ גיזאָגט דאָס לעבּען ל״ע עס איז שוין נישט געוועזען קיין שום רפואה צו איהם ר״ל האָט זייער מוטער די צדיקת גיבּעטען פון די צווייא קינדער אַז זיי זאָלען בּעטען ביי דעם בעש״ט, אַז ער זאָל פאַר איהם מתפלל זיין אַז ער זאָל האָבּען אַ רפואה שלימה, האָבּען זיי געזאָגט צו די מוטער, זיי האָבּען מורא דאָס אָהן צו מוטהען דעם בע״ש, דען ער איז אַגרויסער מתנגד אויף דעם בע״ש, אַלזאָ זיי האָבּען זיך ניט געקאָנט געבּען קיין שום עצה, און דער בעש״ט האָט דאָס באַלד דערשפּירט איז ער באַלד געקומען קיין קאַמינקא ווי דער חולה איז געוועזען, איז דעם חולה׳ס מוטער געקומען צום בעש״ט מיט אַ געוויין, אַז ער זאָל מתפלל זיין פאַר איהר קינד וועגען ער זאָל געהאָלפען ווערען מיט אַ רפואה שלימה, האָט דער בעש״ט איהר גיזאָגט גיי זאָג דיין זוהן, אַז ער זאָל אויף זיך מקבל זיין, אַז ער וועט זיך צו מיר מקרב זיין, אַזוי ווי ער וועט נאָר געזינד ווערען וועט ער געוויס געזינד ווערען איז זי אַהיים געגאַנגען און האָט געזאָגט איהר זוהן דעם בעשט׳ס רייד, אַזוי ווי דער חולה ר׳ שמואל האָט דאָס דער הערט, האָט ער אָנגעהויבּען זעהר שטאַרק צו וויינען פאַר השי״ת און האָט געזאָגט און הארץ, רבש״ע שטאַרק מיך איך זאָל ניט ווערען איבּער גירעדט פון איהם, דען ער האָט גירעכענט אַז אין בעש״ט ווערטער זענען נישטאָ קיין שום ממש, האָט דער בעש״ט געזאָגט נאָך אַמאָל צו די מוטער פון חולה, זיי וויסען אַז דיין זוהן איז יעצט מתפלל ביי השי״ת ער זאָל איהם העלפען ער זאָל ניט ווערען איבּער גערעדט פון מיר און דאָס האָט ער מורא אַרוים צו ריידען מיט דעם מויל, כדי די מלאכים זאָלען דאַפון ניט וויסען, וועלען זיי מיר מודיע זיין אַלזאָ איז ער מתפלל נאָר און מחשבה און ענטפערט איבּער זיין תפלה נאָר צי השי״ת אַליין אַלזאָ גיי אַהיים און זאָג איהם אַז דאָס וויים איך אויך ב״ה, אַלזאָ זאָג איך איהם נאָך אַמאָל, ער זאָל אויף זיך מקבל זיין אַז ער וועט זיך מקרב זיין צו מיר, וועט ער האָבּען אַ רפואה שלימה

שלימה, און וועט קריגען גרויסע השגות דאן האט ר׳ שמואל מודה געווען און האט זיך מקרב געוועזין צום בעש״ט, און איז געווארען פון זיינע תלמידים.

א מאל איז דער הייליגער צדיק שפאלער זיידע ז״ל, געפאהרען מיט איין אלטען יוד וועלכער האט ניט געקענט דעם בעש״ט ז״ל, אויף דעם וועג, האט דער שפאלער זיידע געזאגט צו דעם יוד, אזוי ווי איהר האט גוט געקאנט דעם בעש״ט ז״ל אלזא בעט איך אייך, איהר זאלט מיר עפיס דער ציילען פון בעש״ט, האט איהם דער זקן דער ציילט וואס ער האט געדענקט איינמאל יוה״כ נאך שחרית איז דער בעש״ט צו געגאנגען צו זיין תלמוד ר׳ וואלף קיצעס ז״ל, אין האט איהם עפיס איין גירוימט און אויער דערנאכמאל איז געוועהן זעהר א שעהנער טאג די זון האט זעהר שיין געשיינט אין בעת מען האט געדאווינט תפלת נעילה איז געווארען דער הימעל זעהר פער חמארע׳ט, האבען זיי אפגידאווינ׳ט תפלת נעילה אויך תפלת מעריב, און האבען ניט געקאנט מחדש זיין די לבנה דען דער הומעל וואר זעהר פאר וואלקינ׳ט איז געגאנגען דער בע״ש און האט געמאכט הבדלה און האט עפיס טועם געוועזען, דעם גלייכען זיינע תלמידים האבען הבדלה גימאכט און טועם געוועזין און האבען זיך זעהר שטארק געפרעהט און האבען אהן געהובען צו טאנצען דען אזוי פלעגען זיי זיך שטענדיג פיהרען, און דער בעש״ט האט אויך מיט געטאנצט, און דעם האט איינער באמערקט, אז ר׳ וואלף קיצעס איז ניטא, האט ער זיך געפרעגט, ווי איז ר׳ וואלף קיצעס האט דער בעש״ט געגעבען אוואונק צו איהם אז ער זאל שטיל שווייגען נאכהער זענען זיי אלע אוועק געגאנגען און יעדער האט זיך געלייגט שלאפען אויף זיין געלעגער, איז ר׳ וואלף געקומען און האט אהן געקלאפט ביים בעש״ט און פענסטער און האט געזאגט שטייט אויף רבי, דען די וואלקינ׳ס זענען זיך פונאנדער געגאנגען און עס איז דא א שיינע לבנה, קאן מען יעצט מחדש זיין די לבנה. האט זיך דער בעש״ט מיט אלע תלמידים אויף געהויבען און האבען מחדש געווען די לבנה מיט גרויס שמחה און נאך קידוש לבנה האט זיך דער בעש״ט זעהר שטארק געפרייט מיט זיין תלמוד ר׳ וואלף קיצעס און זיי האבען באלד אהן געהויבען טאנצען און אלע תלמידים האבען אויך אהן געהובען טאנצען און האבען זיך שטארק געפרעהט חאטש זיי האבען גאהר ניט געוואוסט נאר דאך האבען זיי פארשטאנען אז דא מוז עפעס זיין, דער נאך האט זיי דער בעש״ט דער ציילט, אזוי ווי ער פלעגט זיך שטענדיג פיהרען, אז מוצאי יום הקדוש פלעגט ער דער ציילען זיינע תלמידים, וואס עס איז געווארען אין די עולמות עליונים, האט ער זיי יעצט דער ציילט, אז בעת ער האט געדאווינ׳ט און דער פריה תפלת שחרית. האט מען איהם מודיע געוועזען אז עס איז דא אויף איהם אין די עולמות עליונים א גרויסער קטרוג, און ער מוז נפטר ווערען פון די וועלט בקרוב, און

מען

מען האט איהם געגעבען א סימן, אז בשעת נעילה וועט דער הימעל
ווערען פאר וואלקינ׳ט, און מען וועט ניט קאנען מחדש זיין די לבנה און
דאס האט ער איינגערוימט אין אויער זיין תלמוד ר׳ וואלף קיצעס, און
דער הייליגער צדיק ר׳ וואלף ז״ל האט זיך געשטארקט אין דער תפלה
און האט זיך איין געשפארט, ביז ער האט געפועלט פאר זיין רבי׳ן
דעם בעש״ט אלדע׳ס נוט׳ס, דער זכות זיינער זאל איבער אונז מגין זיין
ועל כל ישראל אמן.